STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05035

# KAPRIZEN

Zusman Segalowitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. סעגאַלאָוויטש

# קאַפּריזען

לידער.

אַרויסגעגעבען דורכ'ן „ליטעראַטור-
פאָנד" ביים פעראיין פון יודישע ליטע-
ראַטען און זשורנאַליסטען אין וואַרשאַ.

19 21

Copyrighted by
Jewish Writers Club
New-York.

די אָרטאָגראַפיע—לויט׳ן ווילען פון מחבר.
הילע געצייכנט פון ה. בעלעט.

געזעצט ביי
ברידער וואַיצקעוויטש, ווארשא, נאלעווקער קראָמען.
געדרוקט אין דרוקעריי פון מ. קופערשטאָך און מ. קראַמאַוש, נאָוואָליפּקי 22.

# אפּזאג

## ווייט איז די גרענעץ...

ווייט איז די גרענעץ,
מעכטיג באוואכט.
איך בין אנטלאָפען
שפעט נאָך דער שלאכט.

איבערגעקומען,
איבערגעקלערט;
איינס און דאָס זעלבע:
הימעל צי ערד.

איך און די שטילקייט,
שטילקייט און איך.
אָפּגרונד פון שווייגען
נעם מיך צו זיך.

נאכט! גיב מיר גאָרנישט,
נעם גאָרנישט צו.
כ'וויל אָפּזאָג פון לעבען,
זיסקייט פון רוה.

## שטילער אָוונט.

שטילער אָוונט, שטיל דאָס טראַכטען, שטילע טריט.
טאָג און רויש האָב איך געלאָזען... איך בין מיד.
גערן וואָלט איך מיט'ן ווינטעל וואו אַוועק,
נאָר איך בלייב דאָ מיט די שטויבלעך אויפ'ן וועג.

מיינע קייטען נעם איך לאַנגזאַם פון די פּיס אַראָב.
און די בליי־קרוין פאַלט אַרונטער פון מיין קאָפּ.
ווי די פערדלעך נישט געבונדען אויפ'ן גראָז
לאָז איך שוועבען די געדאַנקען אין דעם ווינטעלס בלאָז.

וועלט, דו גרויסע! איך פאַרנעם דיך, איך באַהאַלט
דיר אין מיין פויסט,
איך פאַרגעס דיר און דערמאָן נישט, וואָס דו שאַפסט
און פויסט.
דיינע שטראָף־רייד, וואָס דו פּרעדיגסט פרעך אַזוי
און פרום —
מיר צוקאָפּענס ליגסטו, וועלטעלע — ליג און שווייג
און שטום.

## נאַכט נאָך רעגען.

גלאַנץ פון נאַכט און שפּיגלען,
רויש פון טויזענט טריט,
ווען אויף מידע פליגלען
פליט מיר נאָך מיין ליד.

זוך איך קלאַנגען, רוימען —
גיט מיר ווער אַ שטויס,
אַנשטאָט דאַן צו טרוימען,
ווער איך פלוצלונג בייז.

קוק איך אויף די שאָטענס,
צו זיי לעבען אויך?
דורך די נאַסע דראָטען
צאַנקען שטערען בלייך.

איז אַ טיר נאָך אָפען?
וואַרט אויף מיר נאָך ווער?
שלאָפען ווילט זיך, שלאָפען
און נישט טראַכטען ווער.

## אַ מיליאָן מיט מענשען.

אַ מיליאָן מיט מענשען
האָט די גרויסע שטאָט –
קיינער וועט נישט וויסען
אונזער קליינעם סוד.

זינדיג און פאַר'חלש'ט
ווערט דער טאָג פאַרברענט.
לאַנגזאַם צאַנקט דאָס פייער
אויף די גרויע ווענט.

אַלט איז שוין דער הימעל,
אַלט איז שוין די ערד,
אַלט איז גאָלד און זילבער,
ביקס און קויל און שווערד.

גיב דיין האַנט די קליינע,
גיב אַ לאַך דערביי,
גיב מיר דיינע ליפען
און די וועלט איז ניי.

## ווער פון אייך?

ווער פון אייך איז ווען אנטלאָפען
אין דער נאכט פון זיך אליין;
שטומע שאָטענס אָנגעטראָפען
און דעם תהום געוואָלט דערגיין?

ביז'ן בלוט זיך איינגעביסען
און פארשאָלטען טאָג און נאכט,
איבער ספקות און געוויסען,
וועגען שטאָלץ און וועגען מאכט?

א געבויגענער, א בלאסער —
ווער פון אייך האָט שטילערהייט
פון דער בריק געקוקט אין וואסער
און געצווייפעלט, אויך אין טויט?

## אין פעלד.

אלנאכט. עס רוט
די שפעטע וועלט,
ווי פרעמד, ווי גוט
עס איז אין פעלד.

דאָס פרישע היי
ליגט ברייט און פריי.
א פערדס־געשריי
גייהט ווילד פארביי.

ווייט מענש, ווייט שטאָט.
איך בין אליין,
עס קומט באלד גאָט
אהער צוגיין.

אין שווארצען פעלד
מיט גאָט ביינאנד,
אין נישט מיין וועלט,
אין נישט מיין לאנד.

ס'איז נישט מיין שפראך,
ס'איז נישט מיין וועג,
שוין טעג א סך
אָן גאָט אוועק...

איך פאַל [illegible] דר'ערד
און האָרך דעם טאָל:
עס שפּאַנט אַ פערד
מיִט ווידער-קול.

וואו-וואו? ווער-ווער?
איך ביִן אַליין.
צו פיִלט מיין טרער
דער קאַלטער שטיין?

## וואָס טיפער.

וואָס טיפער ס׳ווערט מיין זוכען,
וואָס מער איך קען די מענשען,
אַלץ מערער ווילט זיך פלוכען
און וויינ׳גער אַלץ בענשען.

פאַר איינזאַמקייט און שטילקייט
בין איך זיך, גאָט, מתודה.
איר זענט נישט ווערט מיין שילטען,
מיין בענשען נישט אודאי.

איר האָט אַ גאַס מיט שטיינער,
מיין ליד וועט איר נישט הערען.
מיך דאכט, איך האָב נאָר איינער
געזען היינט פאַלען שטערען.

# אין אונזער טעמפּל.

אין אונזער טעמפּעל קומען אָפּטער אַלץ אריין פּיגליאַרען
מיט קונצען-מאַכעריי און מיט געשריי.
זיי קרומען זיך פּאַיאַציש, זיי ברעכען זיך און נאַרען,
דער עולם גייט זיי נאָך, דער עולם גייט מיט זיי.

זיי שרייען הויך און אומעטום, זיי ווילען שטענדיג
איבערצייגען,
אַז זיי אַליין זענען בערופען און געבענשט פון גאָט:
די נאָכקרימערס! וואָס פרעמד איז זיי די הייליגקייט
פון שווייגען,
וואָס קאָנען שטאָלץ נישט זיין מיט זיך אין שכינה-סוד.

דער לעצטער פון פּאַרנאַס באַהאַלט זיך אין זיין טאָגע
און גנב'עט זיך אַראָפּ אין שאָטען און אין נאַכט.
זשאָנגלערען! זאָל אייך וואויל בעקומען אייער חגא,
איר לעבט אַליין זיך אָפּ אין אייער פאַלשער מאַכט.

# איך נישטיגער, שטויביגער.

איך נישטיגער, שטויביגער,
הייליג אין גלי,
איך גלויביג נישט-גלויביגער,
פאל אויף די קני.

צום וואלקען, וואס ווייטליך
דעם הימעל פארשטעלט,
צום דייטליך, נישט-דייטליכען
גאט פון דער וועלט.

קיין רייכקייטען בעט איך נישט,
כבוד נישט, מאכט,
אין אייביגען רעטניש
פון טאג און פון נאכט.

נאר תפלות באשיידענע
דיר אין מיין ליד,
נאר תפלות באשיידענע
דיר אין מיין ליד.

## כ'האָב געזעהן.

כ'האָב געזען אַ מחנה ווייסע פייגל
אין אַ האַלבען קאַראַהאָד.
אין אַ וואָלקען זענען זיי אַריינגעשוואומען
און צוריק אַרויס מיט דורכגעשטראַלטע פליגלען
איבער פעלדער-וועלדער, איבער שטאָט...

און פליט מען שוין, אָהאָ!
די ווייט מען קאָן דערפליען...

•

איך האָב געזען אַ גריבלעניש פון ווערעם,
געזען זיי אינדערפרי,
בייטאָג, פאַרנאַכט... אַך, איינער צוגעקלעפּט צום
צווייטען
אַלץ אויף דעם זעלבען פלאַץ געקראָכען,
ווי קנעכט, וואָס קריכען אויף די קניען.
און אז מען קריכט...
יאָ, יאָ! אומשטיינס געזאָגט,
די ווייט מען קאָן דערקריכען...

## ונטער די וועלדער.

הינטער די וועלדער
ציטערן בליצען
גלי־ווערעם לייכטען
אונטען אין גראָז,

אורא̇לטע ביימער
רוישען אין שווייגען,
ווינט טראָגט פונאנדער
פון חורבות דעם שטויב...

ווינט טראָגט אַ רמז,
אַן אָנזאָג, אַ פחד,
אַז איך וועל דאָ אייביג
נישט זיין אין דער נאַכט...

ראַטעווע, נאַכט!
נישט דערלאָז מיך פאַרשווינדען,
גיב מיר אַן אָרט
אין דיין שאָטענס קילען,
גיב מיר אַ אָטעם
אין ווינטעל אין שטילען,

פאַראייביג מיט עפּעס
מיין זיין אין דיר, נאַכט!

# נאַכט אָן נאַכט.

מיר זענען ביידע נישט פון צפון
מיר ווילן ביידע היינט נישט שלאָפען.
נאַכט אָהן נאַכט...
ס'איז נישטאָ פאַר אונז קיין שאָטען.
אַלע וועגען דורכגעטראָטען...
וואו איז נאַכט?

איך בין בלייך און דו ביסט בלייכער.
ס'פרעגט דער טענענבוים דער הויכער:
וואו איז נאַכט?
ס'פרעגט די שטילקייט ביי דער שטילקייט
און דאָס ווינטעל פרעגט די קילקייט:
וואו איז נאַכט?

ס'וועט די נאַכט אָן נאַכט פאַרשווינדען,
כ'וועל קיין קוש דיר היינט נישט געבען,
נאַכט אָן נאַכט.
ס'איז דער סוף פון אונזער ליבע.
טויטע בליקען האָט דיין ליבע...
נאַכט אָן נאַכט...

# ליגט מיר נישט קיין שטיינער.

לייגט מיר נישט קיין שטיינער
אויף מיינע שטילע וועגען.
כ'וועל סיי-ווי ווייטער גיין
אויף מיינע שטילע וועגען.

איך בין אן אלטער וואנדערער
און האב אליין אין שאטען
דעם תהלים פון מיין לעבען
פאר זיך אליין געדאווענט.

דאס שענסטע איז פון לעבען
די הויכקייט און די ווייטקייט.
לייגט מיר נישט קיין שטיינער
איבער מיינע וועגען.

איך וועל זיך שוין געפינען
א בערגעלע, א טורעם...
איר וועט בלינד פארבייגיין,
איך וועל זען אייך שטענדיג...

## דער זייגער.

דער זייגער קלאַפּט, דער זייגער גייט...
אויף וועלכער רגע פאַלט דער טויט?

דער זייגער קלאַפּט, דער זייגער גייט;
די צייט פאַר זיך איז סיי־ווי־טויט.

דער טאָג איז טויט, די נאַכט איז טויט —
און נאָר מיין האַרץ קאָן פילען פרייד.

און נאָר מיין האַרץ קאָן זינגען פרייד,
און ווען איך לעב איז טויט דער טויט.

דער זייגער קלאַפּט, ווען איך בין דאָ
די גאַנצע פיר און צוואַנציג שעה.

און אַז איך וועל שוין דאָ נישט זיין,
וועל איך נישט זיין, — וועט גאָר נישט זיין...

# בײַם קלויסטער.

דער גאָטישער קלויסטער שנײַדט הויך זײַנע שפּיצן
אַרײַן אין דער נאַכט:
צום הימעל, צום רוים, צו די בליצן,
וואָס שפּאַלטען די נאַכט.

דאָס שווײַגעניש קומט פון די שטײנער
און שמידט-אײַן די וועלט, —
פאַר מיר איז אַ פרײד, וואָס איך אײנער
פאַרנעם איצט די גרויס פון דער וועלט.

איך האָב אַלע סודות דערוואָרבען
אין שותפות מיט נאַכט.
די מאַמע פון די, וואָס געשטאָרבען —
די אַלטע לבנה — זי שוועבט
און זי זאַלבט —
מיך און נאַכט...

## צפון-נאכט.

טאָג איז מיר אַנטשלאָפּן געוואָרען מיט אָפּענע אויגע־
סאָסנעס פאַרגלייווערט, שאָטענס אויף דר'ערד
אויסגעצויגען —
ליכטיגע שטילקייט פּלאָנטערט זיך איין אין די צווייגען,
ס'ציט די נשמה זיך העכער און העכער צום שווייגען.

שטילער... אַ טייכעלע לויפט דאָ אין רונדע זיגזאַגען
און רייפען,
נישט לאַנג וועט עס רוישען, נישט ווייט וועט עס
לויפען. —
עס וואַרט דיך דער אָפּגרונט פון אייז־ים. זיי שטילער!—
וואָס לענגער די נאַכט איז, אַלץ טויטער, אַלץ
בלייכער און קילער.

דאָ האָבען געליבטע קיין לוסט נישט ביינאַכט זיך צו
ווײַלען,
קיין נאַכט איז נישט דאָ, נאָר די בלייכע באַלויכטענע
מײַלען,
אַ קרענקליכער פרילינג, אָן ריחות, אָן בלומען,
אָן קלאַנגען,
אַ ציטער, אַ גסיסה, ווי עמצער וואָלט זיך געהאַנגען...

## פון קינדווייז...

דער ערשטער שטערן־פאַל —
מיין ערשטער יוגענט־טרוים.
ווי נעמט מען אים, דעם שטערן,
אַרויס פון שוואַרצען תהום?

אין ברונעם האָב איך איינמאָל
אַ קוק געטאָן מיט שרעק,
אַ לץ האָט מיר געוויזען
אַ צונג פון שוואַרצען דעק.

אַ חורבה איז געשטאַנען
נישט ווייט פון אונזער הויז,
פון דאָרטען פלעגט עס קומען
פאַרנאַכט די פלעדערמויז...

בית־עולם האָט געסוד'עט
אין אייביגקייט פאַרטראַכט,
מיט בלעטער, ווי נשמות,
אַריינגערעדט אין נאַכט.

געצאַפּעלט אין דער פינסטער,
געטוליעט זיך אין שרעק...
פון יענע ערשטע שאָטענס
וועל איך שוין נישט אַוועק.

## ער פּאָעט.

מיין אויג איז פאַרבענקט
און מיין האַרץ איז פארהונגערט נאָך פאַרבען,
מיך שרעקט נישט דאָס לעבען,
דאָס קרוינלאָזע שטאַרבען.

כ׳האָב טרויער דערשטיקט אין מיין ברוסט,
איך האָב טרערען פאַרבאָרגען.
געוואַרט אויף מיינע שליחות,
געוואַרט דעם געבענשטען פרימאָרגען.

די זון איז אַרויס אַ באַנייטע —
פאַר מיר איז בלויז שאָטען געבליבען.
און וואָלט זיך מיין מזל אַמאָל שוין
אין רו וואו פאַרקליבען —

דאָך ברענט נאָך אין האַרצען,
עס צאַנקט נאָך אַ ביסעלע פייער,
דאָס פייניגט אַזוי ווי דער גיהנום —
און ס׳בלייבט אַזוי טייער.

איך קאָן מיין מזבח נישט בויען
פון שטאָל און פון אייזען —
עס פעלען מיר בלומען און לידער —
און גאָט זאָל זיך ווייזען.

עס פעלט מיר דער אָפּענער הימעל —
דאָס איינציגע וואונדער.
דער רויך פון מיין קרבן דאַרף שוועבען
צום הימעל באַזונדער.

אַזוי ווי אַ זילבערנער וואָלקען,
אַזוי ווי אַ שיפעל אַ שטילעס,
וואָס פירט צום באשעפער
מיין אומרו, מיין ליד, מיינע תּפילות...

נאָר קיינער באַגעגענט ביינאַכט נישט
דעם איינזאַמען זינגער,
די סטרונעס זיי פאָלגען אין יאוש
נישט מער מיינע פינגער.

און שטום איז, און טויב איז די וויסטע...
איך גיב זיך איר אונטער;
געלאַסען אָן קלאַנג פאַלט מיין האַרפע
אין אָפּגרונט אַרונטער.

און אומעטיג קוקען די שטערען
און טרייסטען מיך אַלע אינאיינעם:
די זון האָט נאָך קיינמאָל ביינאַכט
נישט געלויכטען פאַר קיינעם.

## דאָס וואָס בלייבט מיר איבער.

דאָס וואָס בלייבט מיר איבער
פון מיין צער און פרייד:
פונקען פון די פלאַמען,
ווען די זון פאַרגייט;

שפּענדלעך פון מיין פּאַלאַץ,
וואָס איך בוי אין טוי;
אָפּגלאַנץ פון מיין היכל,
פון מיין הימעלס בלוי.

דאָס וואָס עס געפינט נישט
אין מיין ברוסט קיין אָרט,
שעפּט עס אויס דער ריטם
און דער קלאַנג פון וואָרט.

און אַרום — דאָס לעבען
ברענט און זינגט און בליט...
דאָס וואָס בלייבט מיר איבער
גיב איך אָפּ מיין ליד.

# גרינער גאָט

## דער גרינער גאָט.

פון דערפעל צו דערפעל,
פון פעלדער ביז שטאָט
קומט ווידער דער גרינער,
דער אוראַלטער גאָט.

אויף אָרימע גאַסען,
אויף גרויליכע ווענט,
ציען זיך צווייגען —
גדין־פריילי̇כע הענט...

אויף אייזערנע סקווערען,
אויף הויכע באַלקאָנען:
גרינע דיוואַנעס
און פריש־גרינע פאָנען.

ווער זאָל נישט פילען?
ווער זאָל נישט זען?
עס איז אזא יום־טוב, —
א נס היינט געשען.

ערד, וואָס איז עלטער
פאַר זיך שוין אליין,
איז יונג היינט געוואָרען
אין בליענדען חן.

מענשען, דערמאָנט זיך,
וועקט אויף אין זכרון
גאָטס שפּראַך, גאָטס געזאַנגען,
וואָס איהר האָט פאַרלאָרען

פון דערפעל צו דערפעל,
פון פעלדער ביז שטאָט,
שפּאַנט ווידער דער גרינער,
דער אוראַלטער גאָט...

# אין צוג.

ווייסע, בעריאָזעווע וועלדער,
איינזאַמע ביימלעך אין פעלד,
שטיקער צעריסענע וואָלקענס
הענגען אראָפּ אויף גאָטס וועלט.

שווארצע, פארגאָסענע וועלדער,
עס טראָגט זיך דער צוג איבער זיי.
ערגיץ־וואו טיף אין אַ גראָבען
ליגט נאָך אַ פאַסעקעל שניי.

מחנות צעטומעלטע קראָען
פליען און שרייען פון שרעק,
ווי אַ צעווילדעטע חיה,
טרייבט זיי דער צוג שנעל אַוועק...

פּלוצלונג באַווייזט זיך אַ ביידעל,
עמיצער גרינט מיט אַ פאָן...
פריי־זיך פערבענקטע נשמה,
פריי־זיך, דער פרילינג קומט אָן.

# אין הײ.

אַ נאָנט געשרײ
אין הײ,
און באַלד װערט שטיל אַזױ:
ס'האָט װער זיך באַהאַלטען
אין הײ —
און אפשר — צװײ...
קאָן זײן, מען קושט זיך
אין הײ —
דאַן בענש איך זײ.
כ'גײ מיר מײן װעג און איך גײ.
עס שװעבען באַבאָטשקעס און װײסלען זיך
איבער מיר און איבער זײ —
װאָס קושען זיך אין הײ...

## עמיצס...

עמיצס דאָרטען אַ נשמה
שוועבט ארום זיך אויף דער וועלט,
הענגט זיך אָנ׳עט אויף אַ בלעטעל,
אָט, — אַ שמעטערלינג אין פעלד.

פאלט אריין אין גראָז אין טיפען
און צעזינגט זיך מיט געוויין,
עמיצס עלענדע נשמה,
ציטערדיג און קליין.

אין דעם בעכערל פון בלימעל
אין דעם שפעלטעל פון אַ בוים,
עמיצס עלענדע נשמה
זוכט זיך רגע׳ס... זוכט זיך היים...

# אין גאָרטען.

ווייסע קליינע הענטעלעך
בייגען-אָפּ די צווייגען,
מיידלעך רייסען פויגעל-מילך,
שמייכלען-צו און שווייגען...

לוסטיג-יונגע בחורים
שטייען פון דער ווייטען,
מיידלעך ווארפען אייגעלעך
דאָרט אויף אַלע זייטען...

עס באַמערקט די אייגעלעך
איינער פון די יונגען,
און דאָס גאַנצע חברה'לע
איז שוין צוגעשפרונגען.

„העלפען רייסען פויגעל-מילך
זענען מיר געקומען".
שעמעוודיגע מיידעלעך
בליען, ווי די בלומען...

## ווען א מיידעל גייט זיך באָדען.

ווען אַ מיידעל גייט זיך באָדען
קוקט זי דאַן אויף אַלע זייטען.
זי געטרויט נישט פעלד און שאָטען,
נישט דעם וועלדעל פון דער ווייטען.

זי געטרויט נישט, זי געטרויט נישט
דעם קאָלירטען רעגענבויגען,
נישט דעם פויגעל, וואָס איז האַסטיג
איבער וואסער דורכגעפלויגען.

ווינטעל גלעט און ס'שאָרכט אַ צווייגעל,
וויל עס בויגען און נישט-בויגען,
און דאָס שעמעוודיגע מיידעל
עפענט אויף מיט שרעק די אויגען.

זי געטרויט נישט, זי געטרויט נישט
און זי שפרייזט אין וואסער גיכער.
נאָר אין וואסער שווימען פישלעך,
איז זי דאָרטען אויך נישט זיכער.

דאָך עס ציט די קילע פאַליע
און זי שטיפט און איז צעשראָקען.
מיידעל, מיידעל! פון די הימלען
קוקט אראָפ אַ יונגער זקן...

# אין וואַלד.

דאָ בין איך שוין געווען מיט טויזענט יאָר צוריק.
די אויגען דרינגען טיף אין צווייגען-פּלאָנטער,
דאָס אויער האָרכט די שווייגענדיגע טענער,
פון גרינעם לעבען,
די נאָז-לעכער שלינגען געדיכטע ריחות
פון פאַראַיאָריגע בלעטער,
פון מאָך,
פון צעפוילטע שוואָמען,
פון דורכגעבּרענטען פעך...
העי! עס ווילט זיך שרייען,
עס ווילט זיך אויסרייסען אַן אַלטען בּוים,
אין אַ נאָרע טיף בעהאַלטען זיך
מיט אַ ווילדען, סענקעוואַטען שטעקען
וואַרטען, לויערן,
ווי אַ חיה אויף אַ חיה...
העי!
אַ רוח אין אייער וועלט אַריין!...

## פלעצער.

קלעצער פירט מען
נאָכאַנאַנד.
אַ מאָגער פערדעל פירט
אַ הונדערט־יעריגען גיגאַנט.

דאָס פערדל קריכט,
דער פויער שמייסט.
איר גיי זיי נאָך
אָן מוט, אָן דרייסט.

אַרום איז ליידיג,
טויט און אַלט.
קדיש זאָג איך
נאָכ׳ן וואַלד.

קלעצער פירט מען,
נאָכאַנאַנד.
דאָס דאַרע פערדעל פירט
אַ הונדערט־יעריגען גיגאַנט.

## פרימאָרגען...

צוויי־דריי ביימלעך און אַ צלם,
שײַנעס־לײַנעס פון די באַנען,
אַ פאַרשלאָפענער בית־עולם
טיף פערזונקען אין קאַשטאַנען.

הענער קרייען אין בעגינען...
נאָך אַ בריקעל, נאָך אַ ברעטעל.
אין פאַרוואָקסענע רואינען
ליגט מיין אַלט־בעקאַנטעס שטעטעל.

ביי דעם פלומפ — אַ שטיין אַ גרויסער —
רו איך אָפ פון נאַכט אַ בלאַסער.
וועט עס זיין אַ טאָג אַ הייסער:
מענשען קומען שוין נאָך וואַסער.

קלויסטער קלינגט... און צום גערומעל
מעקעט נעבעכדיג אַ קעלבעל,
שוין געקומען טאָג און טומעל.
שוין געעפענט אַ געוועלבעל...

# אויף די קליינע שטעטלעך.

אויף די קליינע שטעטלעך הענגט א גרויסער הימעל,
און די בידנע הייזלעך באָדען זיך אין זון,
אויף די שינדעל-דעכלעך קושען זיך די טויבען,
אין די פענסטער פליען פליגעלעך אריין.

פאָרט אריין א פויער פון א נאָנטען דערפעל,
שפּאַנט ער אויס זיין פערדעל דאָ אינמיטען מארק,
שיט-אויס קאָניטשינע, לעבעדיגע גרינע
און אליין פארשווינדט ער ערגעץ אין א שענק.

ס'לעבעדיגע וואסער שווענקט דאָרט אָפּ די ברעגען,
ליוליעדיגע וועלדער דאַוונען טאָג און נאכט:
אין די קליינע שטעטלעך, אויף די אלטע פריזבעס,
זיצט מען און מען חלומ'ט אין דער ווייטער ווייט...

פון די קליינע שטעטלעך קומען צו אונז זינגער,
קומען ווי כהנים מיט א שטאָלצען בליק.
קניען מיר אנטציקטע, פילען מיר דעם וואונדער...
פון די קליינע שטעטלעך רעדט צו אונז נאָך גאָט...

## צוריק

א בלייכער באַגינען,
ווייט רויטעלט דער רוים.
איך גיי אויף די שינעס
פון דערפעל אהיים.

עס טויען די פעלדער,
איך גיי און איך גיי...
די שינעס, די לינעס,
ווי שלאַנגען, ווי צוויי.

אויף דאַטשע געוועזען:
א טייכעל געזען,
געבאָדען זיך דאָרטען,
געוויס אמאָל צען.

געהערט האָב איך קרייען
אַן'אמת'ן האָן.
געזען אין די קאָרען
זיך רויטלען א מאָן.

איצט טראָג איך אין האַרצען
א הויפען נאַטור —
פאַרפעלט האָט מיר קליינגעלט
צו דינגען א פור.

איך גיי אויף די שינעס...
אַלץ נענטער... אַ שאָד!
שוין זעט מען די קוימענס,
די קעפּ פון דער שטאָט.

# שמילקי'ם

# שטילקייט.

אין פאַלאַץ פון שטילקייט קיניגט די שטילקייט
אַליין ביינאַכט אויף דער ערד:
עס בוקען זיך בוימער,
עס סוד'ען זיך ווינטלעך
צווישען די צווייגען.
וואַסער איז רויג,
זעמדעלעך רויג,
איך איינער בן־מלך פון שאָטען,
בין צו דער שטילקייט געקומען —
פאַרליבט אין דער שטילקייט...

פאַלט שטערען פון הימל —
באַגריסט מיך מיט גאָלד!
פליט פלעדערמייז האַסטיג —
באַגריסט מיך מיט זייד!
און בלימעל און ווערבע
און יעטוועדער גראָז —
באַגריסט מיך מיט טוי!...

און אָט איז מיין פאַלאַץ — דער שייער דער ווייסער,
פון זילבערנע שטרויען געפלאָכטען.
ס'קומט קיינער אַנטקעגען,
ס'קומט קיינער באַגעגנען,

נאָר איינע אַ הייסע, אַ לאַנגזאַמע ווייסע,
שווימט אויפ'ן דאַך פון מיין פּאַלאַץ...
די קאַץ!
שטעלט בויגיגע פיסלעך,
ציט בויגיג דעם קערפּער
און גענ.צט צו נאַכט און צו שטילקייט,
צו שטערען, צו גאָט און צו מיר,
צום פּרינץ פונ'ם שאָטען...

# לבנה־ליד.

אויף דיינע פארלאָשענע וועגען, דו אַלטע לבנה,
קוק איך מיט רויִגע בליקען... — אוועק די סכנה,
אוועק אַלע ספקות, דער ווייטאָג פון פילען,
אזוי ווי א שעפס ליגט געבונדען דער ווילען...

דו וועבסט אויף די וואָלקענס גלייכגילטיגע וועבען
פון עפּעס א ווייטען געשטאָרבענעם לעבען,
פארהילסט אין תכריכים פאלאצען און שטאַלען,
פארגליווערסט די וועלט און די קלאנגען, דאָס פאַלען.

אויף דיינע טויט־בלייכליכע וועגען אָן פארבען
גיי איך מיט שטילע געדאנקען פון שטאַרבען.
עס פרעגט מיך דאָס הארץ נישט וואוהין און צו וועמען.
טוי פאַלט אויף די שטיינער אראָפּ —
און אויף מיינע פארמאַטערטע ברעמען...

## דער לעצטער קלאַנג...

דער לעצטער קלאַנג פון קירכען־גלאָק
איז נאָנט אראָפגעפאַלען...
דער לעצטער קלאַנג האָט אויפגעוועקט
מיין טראַכטען שטיל.
וואו בין איך דאָ?
די גאַס איז בלייך,
די זון...

איך קוק ארויף, איך זוך אין יעדער פענסטער,
וואו דער בליק,
וואָס האָט צו מיר נאָר וואָס געוואונקען?
וואו די האַנט,
וואָס האָט אַ צייכען מיר געוויזען?...

מידע שטילקייט
גנב׳עט זיך פון אַלע זייטען.
ווערט צעגאָסען אין דעם רויש;
אַ לייכטע גרויקייט־בלויקייט פאַלט אראָפ
פון ברייטען שטח וועלט
און ווערט אַלץ טונקעלער אויף דר׳ערד...

נאַכט קומט אָן, די אַלטע נאַכט, —
זי האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרזאַמט...

## אויף גאַסען ביינאַכט.

טראָטוארען.
כ׳גיי און לייען שילדען:
„בלומען״, „פאַרטיגע טרומנעס״,
„סיגאַרען״.
כ׳גיי מיך מיד.

פאַרגעסען צו וועמען, פון וועמען איך גיי. —

נאַכט!
וואָס איז מיינס
און וועמענס בין איך?
נאַכט! שוואַרצער שאַרבען!
מען לעבט. אמאָל וועט מען שטאַרבען...
עס וועט זיין אזוי גוט,
עס וועט גאָר שוין נישט זיין נאָכ׳ן טויט...
...וואָס דאַרף עס מיך אַרען?
איד גיי און איך לייען די שילדען:
„בלומען״, „טרומנעס״, „סיגאַרען״,
איד גיי און עס גייען מיר נאָך:
שטיינערנע, שטומע, לאַנג-לאַנגע
טראָטואַרען...

## אין די קאָרען.

איך וועל אין דעם קאָרען דאָ ליגען
און ליגענדיג וועבעז מיין ליד,
מיין אלטען, מיין איינזאַמען ניגון,
פון מאַכטלאָזען גאָרנישט געשמידט.

מיין הארץ איז אינגאַנצען אין וואונדען,
עס ושאַווערען קוילען אין איר.
מיר, דאַכט, אז איך ליג דאָ געבונדען —
אַ שטיין ליגט אַ טויטער אויף מיר.

דאָס ראָד פון דער וועלט איז אַריבער
מיין הארץ... און צעבראָכען עס גאַנץ,
וואָס איז דאָס: אַ טויט, צי אַ פיבער?
די ערד איז אַוועק אין אַ טאַנץ..

## בלײ.

— אַזעלכע גרויע טעג, אַזעלכע גרויע שעה'ן —
בלײַ!
גאָט אַלײן האָט הײַנט זיִך אָנגעטאָן אין גרויען
און אויף זײַן וועלט — דערלאַנגט אַ שפּײַ
בלײַ!

איך פלעג אַמאָל צו יעדען גרעזעלע זיך בייגען
און אויף די קברים פלעג איך זינגען „חיו״
איך האָב געליבט אַמאָל דעם מענשענס טיִפע אויגען,
געזען אין זיי דעם ניצוץ־אלהים... און איצטער:
בלײַ...

אַזעלכע גרויע טעג, ניִשטאָ שוין וואָס צו פאָדערן,
אַז יענעמס האַנט ווערט שווער, ווי בלײַ.
ציִ פלאַמט דאָס בלוט בײַ וועמען אין די אָדערן?
צי וויל ווער ווידערשפּעניִג זײַן און פרײַ?
בלײַ!

אַמאָל האָב איך געפילט, דאָס שפּראָצען פון די פליגלען,
אויף מײַנע יונגע אַקסלען שפּירענדיג דעם פלי —
אַ שוואַרצע, שווערע פליטע גליִטשט זיך פון די ריגלען
און דריִקט אַראָפּ מײַן רוקען און ברעכט מיר אײַן די קני.
בלײַ.

## ביים פענסטער.

כ׳בין צום פענסטער צוגעגאַנגען,
מיד דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען,
און דערפילט האָב איך זיך פּלוצלונג
יתום־עלענד און פאַרלאָזען.

מענשען שוועבען ווי די שאָטענס,
גרוי די גאַסען אָפּגעפאַרבען.
האַרץ איז ליידיג, וועלט איז ליידיג,
עפּעס איז מיר אָפּגעשטאָרבען...

כ׳בין צום פענסטער צוגעגאַנגען
און דערזען דעם ערשטען שטערען,
ס׳האַרץ איז לעבעדיג געוואָרען
און פון פרייד געבוירען טרערען...

# וואַסער

## וואַסער.

דאָרט, וואו דאָס אייז האָט געפּלאַצט
האָט אַ קראַ זיך דערשראָקען,
דריי קאַראַהאָדען געמאַכט
און דריי מאָל געשאָטענט אין וואַסער
מיט שוואַרצע, מיט לאַנגזאַמע פליגעל...

און איידער די קראָ איז פאַרשוואונדען
האָט עפּעס גענומען זיך ריִרען,
עס האָט די געפרוירענע שלאַנג
ווי אַ ציטער געגעבען.
דער טייך האָט פון ווינטער ערוואַכט.

לאַנגזאַם גענומען זיך ריִרען
מיט גרויליכע שטאָלענע פּאַליעס,
מיט קאַלטע, מיט שוימיגע שטראָמען
שטח און אָטעם געזוכט,
שטח און אָטעם...

צעגאָסען זיך ווייטער און ברייטער,
פון אַלע זייטען באַגאָסען
די פראָסט־דעק די שטייפע,
צעשוועקט און צעשפּאַלטען
פון ווינטער דעם קאַרק...

הוידענדיק קריִעס געטראָגען,
געטונקט זיי, אין קאַלטקייט געצוואָגען
געשפּילט זיך מיט זיי, ווי מיט שעפּסען,
וואָס זענען דערטרונקען געוואָרען...

„קראַ!” און ליידיק די עלענדע פעלדער
און גרוי דער אונענדליכער הימעל...
דאָס וואַסער אַלייז...
די וועלדער אַליין...
די קראָ איז אַליין...

שטייען די פּאַליעס אַ רגע:
קריִעס פאַרצוימען די וועגען:
טעמפּ־קעפּיגע אָקסען מיט הערנער,
שטיקער פאַרגליווערטער ווינטער,
קעמפען מיט פלייציגען פרילינג...

גנב’עט זיך אונטער דאָס וואַסער,
וואו נאָר אַ ביסעלע פלאַכער,
וואו נאָר אַ שפּעלטעל פון ווינטער,
גנב’עט זיך אונטער געלאַסען
און גיט זיך מיט אימפּעט אַ ריס.

איצטער שוין ברייטער,
איצטער שוין פרייער,
איצטער געשווינדער.

אַ טייך איז געבוירען,
האָט ברעגען פאַרגאָסען
אָפּגעלעקט
ברודיגען שניי פון די ברעגען,
מיטגעשלעפּט
שפּענדלעך און צווייגען און בלעטער
פון נאָך פאַראיאָרען...

ר'האָט העזה צום הימעל באַקומען
און צווינגט אים אין וואַסער זיך שפּיגלען
מיט וואָלקענעס גרויע,
מיט שטיקעלעך בלויקייט
וואָס קריכען אַרויס פון די וואָלקענס.

קיין מענש איז דערביי נישט געווען,
קיין אויג האָט דעם נס נישט באַוואונדערט,
אַוועק איז אליין שוין אַ בשורה,
אַ פריילעכע שרעק, אַ געמורמעל:
„וואַסער!"

איצט האָט דאָס וואַסער שוין לשון באַקומען,
פּלאַפּלען געגומען און רוישען,
אָנזאָגען, אויפוועקען אַלע,
שליחים צעשיקט איז די טאָלען די פלאַכע
און צו די בערגלעך געשטיגען...

אַזוי ווי אַ לאַווע אוועק איבער פעלדער
און ערגיץ אַ בוים אויסגעריסען
מיט זאַפטיגע, פייכטע,
מיט ערדישע וואָרצלען,
מיט קנאָספען...

און ערגיץ אַ שייער צעטראָגען,
צעוואָרפען די דילען
אויף אַלע פיר זייטען
אין האַסטיגען לויף...

שטרוי-בונטען ערגעץ געפונען,
צעשאָטענ׳ס, צעזייט אויף די שטראָמען,
און ס׳טאַנצען די שטרויען
און ס׳גלאַנצען די שטרויען,
ווי גאָלדענע דינע זיגזאַגען...

האָבען מענשען גענומען,
אַנטלויפען פון וואַסער
און לויפען צום וואַסער.
באַקוקען דאָס וואונדער
און ראַטעווען לעבענס.

חזרים׳לעך קוויטשען,
פערד הירזשען, הינט בילען
און ווייבער מיט קינדער

פאַרלאָזען די הייזלעך די קליינע...

עס שרעקט און עס שרעקט נישט,
עס שרעקט און עס נייגערט,
עס רייצען די טונקעלע, גרויע
די ריזיגע שטראָמען...
„קראַ!“

מחנות'ווייז קומען די קראָען
און טראָגען זיך מיט די קריעס
און פּיקען אין וואַסער
דערטרונקענע עופות,
פּגרים...

# פּאַלמעס וואַקסען נישט אין פּוילען.

פּאַלמעס וואַקסען נישט אין פּוילען,
נאָר די פרויען זענען שענער.
ווען אַניעלע קומט אין קאָשטשאָל
דאַוונען פרומער אַלע מענער.

דאַוונען פרומער מיט די ליפּען,
מיט די הערצער, מיט די אויגען.
וויס, אַניעלע! אַלע תּפילות
זענען היינט צו דיר געפלויגען.

ווען אַניעלע גייט פון קאָשטשאָל
לויפען אַלע איר אַנטקעגען:
אַנטעק דאַרף איר עפּעס זאָגען,
וואָיטעק וויל זי עפּעס פרעגען.

יאַשעק ווייזט די נייע שטיוועל,
מאַטשעק וויל זיך לאָזען טאַנצען...
און אַניעלע לאַכט כסדר,
איהרע ציין די ווייסע גלאַנצען.

## יעדען אָוועגט.

...יעדען אָוונט פלעגט זי קומען
מיט בלויע קרענץ אַ סך:
דערזע איך נאָר די קאָרען־בלומען
שטיף איך שוין און לאַך.

איך נעם ביי איר מיט דאַנק די בלומען
און ציר מיין חדר רייך,
מיט פייער־ליבע פלעגט זי קומען
אין פעלד, אין סאָד,ביים טייך.

דערנאָך... מיר שיידען זיך אָן ליידען
באַהאַלטענדיג דעם סוד...
זי איז אוועק די קאָרען שניידען
און איך צוריק אין שטאָט.

## אין דיינע טעג.

אין דיינע טעג פון זאנגען
בין איך פארטרוימט געגאנגען.
אין דיינע נעכט, אין טונקלע,
איז ווילד געווען מיין הארץ.

איז ווער געווען דיר טרייער?
נישטא מער אזא פייער...
פלעגסט לינדערן די פלאמען
מיט דיינע בלויע קרענץ.

איך האב פון דיר די בלומען,
אויף אייביג צוגענומען.
איך האב פון דאן די בלויקייט
פארהייליגט אין מיין הארץ.

## פרייד און פארב.

צי מיר שמייכלען היינט צום הימעל,
צי דער הימעל שמייכעלט אונז?
דאס איז שווער צו אונטערשיידען,
ווייל איין פרייד באגלייט אונז ביידען!

צו דיין בליק באפארבט די בלומען,
צו די בלומען — דיינע אויגען?
דאס איז שווער צו אונטערשיידען,
ווייל איין פארב פארהילט אייך ביידען.

צו מיר זינגען היינט צום לעבען,
צי דאס לעבען זינגט צו אונז?
דאס איז שווער צו אונטערשיידען,
ווייל איין ליד באזינגט אונז ביידען!

## ס׳קרײַגעלע.

די זון איז אַ בעקרוינטע
פרימאָרגען אויפגעגאַנגען.
אַניעלע גייט נאָך יאַגדעס
און פירט מיך דורך די זאַנגען.

אַניעלע גייט נאָך יאַגדעס
און איך װעל זי באַגלייטן,
זי װאַרפט דערװײַלע בליקען
און רייסט דערװײַלע קװייטען.

אַ גאַנצען טאָג געבלאָנזשעט,
אַ גאַנצען טאָג געקליבען,
נאָר ליידיג איז דאָס קרײַגעל,
ס׳קרײַגעלע, געבליבען.

עס קלינגען מאָנאָטאָן,
פאַרנאַכט די װייטע גלאָקען.
אַניעלע איז פאַרװאונדערט
און פרעגט ביי מיר צעשראָקען:

„װאו זענען מיר געשטאַנען?
װאו זענען מיר געזעסען?
װאו האָבען מיר, דאָס קרײַגעל,
ס׳קרײַגעלע פאַרגעסען?"

# צעטראָטענע קאָרען.

גדיקדער סאָלטיס פרעגט מיִט צאָרען:
"ער צוטרעט ביינאַכט די קאָרען?"
אפשר שדים... ווער קאָן וויסען —
ס'פלעגט דאָס גאַנצע דאָרף פאַרדריִסען.

כרעג ביים ווינטעל, פרעג ביים הימעל,
ביים צעקנייטשטען בלויען בלימעל!
ווארט אַן ענטפער — אויב זיי ריידען,
נאָר נישט פרעג עס ביי אונז ביידען.

## פרעמדע שולמית.

פאַר אַלע אומעטיגע יאָרען
צאָלסטו איצט מיר אָפּ מיט פֿרייד,
באַהאַלט זיך טיפער אין די קאָרען,
לאָז זיי רוישען שטילערהייט.

עס לעבט אויף ס׳ניי, עס זינגט דער תמוז,
אין דיינע אָרעמס זינגט די וועלט.
איך האָב געפונען מיין שולמית
ביי פרעמדע אויף אַ פרעמדען פעלד.

# פאַרנאַכט.

דער לעצטער וואָגען היי פון פעלד וועט קומען
און בלייבען שטיין ביים שייער.
די זון וועט ווייט פאַרגיין און צינדען
סטויגען היי אין פייער.

וועסט אויפהייבען דאָס אָפּגעבערענטע פּנים
און לאַכען אין די פלאַמען.
די נאַכט קומט אָן... און אַלע איילען
צו נאַכט, ווי צו אַ מאַמען.

דער אַלטער סטאַק וועט אויף דער געגשלע שפּילען
אין דער פאַרגאַנגענהייט פאַרטראַכט.
די וועלט איז שיין... דיין גרויער זיידע
געזעגענט אונז פאַרנאַכט.

דערנאָך וועט ווערען שטילער... שטיל און דערפעל,
גאָטס רויִקייט באַזאַלבט די שעה.
אַ שאָרך וועט ערגעץ זיך דערהערען,
אַ טריט, אַ שפּרונג, ביזט ווידער דאָ...

## בּאָרוועסע פּרינצעסין.

כ'וועל דיך, בּאָרוועסע פּרינצעסין,
קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסען.
טאַנצסט אַרום אין מיין זכרון.
דורכ'ן שלייער פון די יאָרען
זע איך שמעטערלינגען פליען,
בלוי די קאָרען-בלומען בליען.

ס'זענען אַנדערע געקומען,
נאָר דיין בליק נישט צוגענומען,
און איך קוש דיך מיט הנאה
אין עראינערונגען בלויע...
דוכט זיך: שמעטערלינגען פליען,
בלוי די קאָרן-בלומען בליען.

ס'ווערט פון דעם מיין האַרץ נישט טריבער,
וואָס די צייט איז שוין אַריבּער.
מיר איז טייער דאָס געדענקען,
מיר איז ליב דיך זען און בענקען,
ווען די שמעטערלינגען פליען,
בלוי די קאָרען-בלומען בליען.

## דיינע שטיפֿערישע קרענץ.

ווי זיי שוועבען, ווי זיי שפּרינגען פֿאַר די אויגען
דיינע בלומען, דיינע שטיפֿערישע קרענץ.
טונקלער, העלער... ווי אַ בלויער רעגענבויגען —
דיינע בלומען, דיינע שטיפֿערישע קרענץ.

אונזער ליבע האָט אונז ביידע שוין פֿאַרלאָזען,
דאָך עס לעבען נאָך אין הערצען דיינע קרענץ.
ווי זיי ווינקען פֿון די זאַנגען, פֿון די גראָזען —
דיינע בלומען, דיינע שטיפֿערישע קרענץ.

דיך דערמאָנען קאָן איך קיינמאָל נישט אָן בלומען,
דיר פֿאַרגעסען לאָזען נישט די בלויע קרענץ.
ווערסט אודאי צו מיין קבר אַזוי קומען:
מיט די בלויע, מיט די שטיפֿערישע קרענץ...

# זון

## זון.

זון האָט זיך מיר פאַרוואָלט,
ווי נאָך אַ לאַנגען לעבען אין שפּיטאָל.

אַט גיי איך אויף דער זון־זייט.
קאַרג איז מיר די פּיס,
אַזוי פיל העלע גאַסען
דורכצושפּרייזען.

זון האָט זיך מיר פאַרוואָלט,
אויף דעכער קריכען:
דאָרט איז וואַרעמער,
אויף ביימער־שפּיצען דראַפּען זיך:
דאָרט איז ליכטיגער.

קורץ זענען מיר די הענט,
ענג מיר די נשמה,
און די וועלט ווערט יעדע רגע גרעסער...

שטיינער, שטאָל און אייזען אָטעמען מיט לעבן;
אַט גייען זעלנער מיט מוזיק,
קינדער לויפען נאָך,
באָרוועסע אָרעמקייט לאַכט
און שפּרייזט צום טאַקט.

זון קושט זיך מיט מיר,
מיט דיר,
און כאפט זיך אָן ביי יעדען שטיקעל מעש,
אויף זעלנערס קנעפ,
אויף אויסגעשייערטע טרומייטען,
אויף באגילטע שילדען פון דער גאס,
און טייטעלט מיט די שטראלען
אין די גאלד-וויטרינעס.
זון.
גאלד.
מעגען אנדערע נישט זען דאָס לעבען,
און מעגען בעטלער אויסשטרעקען די הענט,
און קארגע — צושליסען די טירע —
גאָט אליין האָט
אלע זיבען הימלען אויפגעפעפענט
און איך מאך אויף
א טירעלע א קליינס ביי מיר אין הארצען,
נאָר נעמען וועל איך נישט קיין סך,
ווייל אלץ איז סיי-ווי-סיי דאָך מיין.

## אַ שטורעם.

ביים טייך...
אויף אַ לאַנגען וואַסער-פּאַס
האָבען מענשען זיך געבאָדען,
קינד און יונג און אַלט.
געטאַנצט, געשפּרונגען און געלאַכט...

אַ מחנה נאַקעטע
מיט זילבער-שוים געזייפט,
געלאָזט זיך וואוילעריש אין שווים,
אין שטיפעריי...

און איבער אַלץ האָט ווי אַ גיהנום-אויג
געקוקט די הייסע זון,
געבלענדט די אויגען,
ס'וואַסער אָנגעוואַרעמט
און געבריט דאָס זאַמד.

האַ, האָ! ס'איז גוט!
האַ, האַ! ס'איז וואויל...
הענט, פיס און שלאַנקע קני,
לאַכענדיגע אויגען...
אַריין אין וואַסער און אַרויס,
געקייקעלט זיך אין זאַמד
און ווי פאַרגליווערט-טויט געבליבען ליגען

און פֿאַרחלש׳טער הנאה...

זון! ברען, ברוין...

מ׳האָט געשטיפּט,
מ׳האָט לאַנג געלאַכט,
און נישט באַמערקט האָט מען
דאָס לייכטע, ווייסע וואָלקענדעל
פֿון מערב:
אַ שטיקעל זיידענס אָן אַ פֿאָרם
איז לאַנגזאַם דורכגעשוואומען,
אײַנגאַנצען דורכגעשטראַלט מיט זון,
אומשולדיג ווייס.

באַטראַכט האָט עס דעם פּלאַץ,
גוט אויסגעקוקט דעם וועג
און ווייט אַוועק אויף יענער זייט פֿון הימעל.

מ׳האָט געשטיפּט:
אין טייך האָט ווער אַ הונט,
אַ גרויסען הונט אַרײַנגעשלעפּט
און קונצען פֿיל מיט אים געוויזען;
געריטען אויפֿן כּלב
שוויִמענדיג
און פֿאַרן ווײַדעל אים געצויגען.
מ׳האָט געלאַכט...
ווי זאָרגלאָז מענשען לאַכען!

דער שוואַרצער קוימענקערער יאַן
איז אויך צום ברעג געקומען,
דאָס פּנים שוואַרץ
און שוואַרץ די הענט,
מיט שוואַרצע שטריק און מיט אַ שוואַרצן בעזעם,
אַ באָרד פון סאַזשע,
מיט גרויסע ווייסלעך אין די אויגען
ווי ביי אַ בלינדען.

„יאַן!"
פון אַלע זייטען רופט מען אים ביים נאָמען.
די קליידער־שמאַטעס רייסט ער גיך אַראָפּ
און שאָקעלט זיך דערביי,
ווי אַלעמאָל, אַביסעל שיכּור.

„יאַן!"
ער שפּרינגט אין וואַסער שוין אַריין...
אַ דאַרער, שוואַרצער, לאַנגער גוף,
פאַרוואַקסען, ווי אַ בער...
אַ מאָגערער סאַטיר,
וואָס באָדט זיך איינמאָל אין אַ יאָר.

מע האָט געשטיפט,
מ'האָט לאַנג געלאַכט
און נישט באַמערקט האָט מען,
אַז מיט אַמאָל איז קילער,

קיל געוואָרען.
די זון האָט זיך פארדעקט
און ווידער פלאַמענדיג גענומען ברענען.

פארדעקט זיך ווידער,
און אויפן גרויסען טייך,
אויף זאַמד און וואַלד און מענש,
וואָס האָט נאָר וואָס מיט נאַקעט לייב געגלאַנצט,
האָט זיך אַ ברייטער שאָטען אויסגעלייגט.

דער זאַמד האָט זיך גענומען רירען:
צום ערשטען לייכט אין פאָכעדיגע שאַלען,
ווי עמיצער וואָלט וויקלען לאַנגע שטיקער
טשע-סון-טשאַ.
דערנאָך געדיכטער אַלץ אין וואָלקענס שטויב געפאַ־
ליעט,

האַלב דורכגעשטראַלט.
מיט זונענדיגען קרעם,
דערנאָך האָט זיך די זון
אינגאַנצען שוין באַהאַלטען.

וואַסער האָט טאַנצען גענומען
און זאַמד האָט ווי פון זיך גענומען בויען
שלעסער, פלויטען, ווענט
און שאָקעלדיגע זיילען...

פון טייך האָט מען גענומען לויפֿן,
נאַס און נאַקעט.
איינער האָט דעם צווייטן נישט געזען,
איינער האָט דעם צווייטן נישט געהערט.
ווינט האָט אויגן צוגעמאַכט
און אָנגעשאָטן פֿולע אויערן
זאַמד...

וואו קלייד? וואו שיך? וואו בגד?
ווינט האָט זיך שפּילן גענומען,
מיידעלשע העמדלעך אויפֿגעכאַפּט,
קליידלעך קאָלירטע אומגעטראָגן,
און איז אַוועק
אויף טייך, ביז וואַלד, ביז פֿעלד,
ווייט...

און אין דער קורצער זאַווערוכע
פֿון זאַמד און דורכגעגליטן שטויב
האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ רעגן:
צו ערשט מיט גרויסע טראָפּנס,
ווי דער געפּרעסטער זאַפֿט פֿון ווייַנטרויבן...

צעשפּאָלטן האָט זיך דער הימעל,
אַ וואָלקן האָט זיך אָפּגעריסן
אויף טייך, אויף סאָד, אויף פֿעלד
און אויף דער גאַנצער וועלט...

ס'האָט לאַנג אַזוי געגאָסען,
אַן אייביגקייט... אַ האַלבע שעה,
מיט דונערן באַגלייט,
מיט שפּיצעדיגע בליצען
און מיט אַ דורכגענעצטען ווינט,
וואָס האָט געטראָגען
סמאָלע־ריחות פון די נאָנטע־ווייטע וועלדער.

ס'האָט די ערד געעפענט טויזענט מיילער,
דורשטיג גיך זיך אָנגעטרונקען,
און אַ יעדער בלאַט
און יעדער גראָז און בלום
האָט צוגעווײנט פון פרייד מיט רעגען־טרערע.

און אין דער צייט פון רעגען און פון דונער
האָט קליין און גרויס
האַלב נאַקעט זיך באַהאַלטען
אין אַלטען שפּייכלער ביי דעם ברעג.
דורכגעווייקט
און דורכגענעצט...
האַלב אָנגעטאָן אין פרעמדע קליידער,
האָט קליין און גרויס געלאַכט,
פון זיך אַליין, פון שטורעם און פון רעגען...
אַרויסגעקוקט
און אָנגעקוקט

### דעם אויפגעררייצטען טייך.

די לעצטע טראָפּענס זענען נאָך געפאַלען,
און שוין איז אויך אַרויס אַ רעגענבויגען.
אַ קרוין אַ ליכטיגע אין אַלע פאַרבען
האָט איינגעראַמט דעם ראַנד פון הימעל
און אָפּגעשפּיגעלט זיך אין טייך,
אין אַלע שטראָמען,
אין אָדערלעך פון פרישען וואַסער,
און אויף די נאַסע דעכער
אָפּגעגלאַנצט...

די גרינע וועלט איז גרינער נאָך געוואָרען.
אין נאַסען גראָז אין סאַד
זענען עפּעל פיל, אַראָפּגעקלאַפּט פון בוים,
געלעגען,
ווי קינדער אין די ווינדעלעך
געשמייכעלט צו דער וועלט,
מיט בליקען פון נישט־צייטיגקייט
צו דער וועלט געשמייכעלט.

פון אַלע זייטען זענען איצט
די לעצטע שטראָמען אָנגעקומען
און מיט זיך געשלעפּט:
שטיינער, צווייגען, אַלטע וואָרצלען
און דעם קומענקערערס בעזעם...

נאָר יאַן אַליין, דער שוואַרצער יאַן,
וואָס פלעגט אין שטעטעל פון די דעכער
אַלע פייגעל שרעקען,
דער שוואַרצער קוימענקערער יאַן
איז מיט די שטראָמען וואָז
אין אייביגקייט אַוועק...

ים.

## אין אַ שטורעם־נאַכט.

ווייסע, גרויע מכשפות
טאַנצען ווילדע קאַראַהאָדען...
ס'דוכט, זיי טאַנצען מיט אַ טויטען,
צוואָגען, וואַשען אים און באָדען.

זאָלען פאַלען גרויסע שטערען,
זאָל די טריקעניש פאַרזונקען...
גאָט אַליין מיט אַלע הימלען,
וועלען מיר אין ים דערטרינקען!

שיף און שיפלעך טאַנצען ליידיג
ביי די ברעגען צוגעבונדען...
וואו־זשע זענען אַלע העלדען
איז דער שטורעם־נאַכט פאַרשוואונדען?

## ביים ים.

איך בין געקומען צום ים,
אויף זיין ווארעמען זאמדיגען ברעג,
דער ים האָט גערוישט און גערוט,
דער ים האָט געוויגט און געוועקט.

דער ים האָט געקילט מיט זאלציגען ווינט,
מיט לוילִיכען שוים מיך באשפריצט..
און דערנאָך מיך פארשלעפערט געשמאַק,
דעם געדאַנק און דעם גוף מיר געשמידט.

ס׳האָט א מעווע געשריגען נאָנט-נאָנט
און א שיף איז פארביי מיט א פייף,
ס׳האָבען פישערס געזידעלט זיך בייז
און די נעצען געוואָרפען אין ים...

די זון איז פון הימעל אראָפּ,
אויפ׳ן ים זיך צעלייגט, אויף זיין ברייט,
מיט פּאַליעס און שוימלעך געשפּילט,
אין שטיף-פּעטש געלאָזען זיך וואויל.

די זון איז אוועק איבער ים
און צעאַקערט זיין בלוילִיכען גלאַנץ,
עמערס מיט זילבער געשעפּט,
געגאָסען, צעגאָסען זיי גלייך.

און דער ים האָט געוועקט: „כאַפּ זיך אויף!"
און דער ווינט האָט געוויינט: „גיב אַ קוק!" —
האָב איך אין דרימעל געעפענט איין אויג,
איז דאָס ליכט מיר אין הארצען אריין.

ס'האָט אַ שטראַל מיר אין פּנים דערלאַנגט,
ווי פון הימעל אַ פלאַמיגע בייטש,
די ברעמען מיר הייס אָפּגעבריט,
דעם שלאָף מיר פאַרטריבען, פאַריאָגט.

הימעל און זון, זייט באַגריסט!
וואָס כ'האָב נישט פאַרשלאָפען מיין טאָג,
וואָס כ'שטעה שוין דערוואַכט אויף די פיס,
וואָס כ'וועב שוין מיין ליד פאַר דער וועלט.

אויף אַלע פיר זייטען ליגט ליכט
און אָפען פאַר מיר איז די וועלט,
איך טייל זיך מיט גאָט אין מיין פרייד
און גאָט טיילט מיט מיר זיך אין אַלץ...

ס'ווערט אַ זילבערנע רייף איבער מיר,
איך טאַנץ אין דער זילבערנער רייף.
ערד און הימעל דערלאַנגען מיר הענט
און איך לאָז זיך פירען פון זיי.

## דער ווײַסער זעגעל.

דער ווייסער זעגעל פלאַטערט —
דער ים איז ברייט און טיף.
דער ווייסער זעגעל פלאַטערט:
פאַראַנקערט איז דאָס שיף.

עס וועט דאָס שיף בעפרייען
אַ העלד, אַ קאַפּיטאַן,
נאָר הענגען, וועלען פּיצלעך
פון ווייסען זעגעל דאַן.

## שלעפעריג וויגט זיך דער ים...

איינציגווייז קומען די פאַליעס צום ברעג,
קריכען און זוכען צווישען די שטיינדלעך
סודות פון טריט און צעריסענע בלימלעך —
שלעפעריג וויגט זיך דער ים.

דרימעלדיג שטייען די אוראַלטע פעלזען,
דעקען זיך איין אין די אייגענע שאָטענס,
הייליגע רויגקייט בעט זיך אין הארצען —
שלעפעריג וויגט זיך דער ים.

נאָכאַמאָל מעסט איך דעם וועג אָפּ דעם ווייטען:
קורץ איז מיין בליק און נאָך קירצער מיין האַנט...
כאָטש אין מיין זעגען איז טאָג נאָך און שטורעם —
שלעפעריג וויגט זיך דער ים...

פאַליע צו פאַליע באַהעפט זיך אין שווימען,
שטיינדעל צו שטיינדעל פאַלט גלעטענדיג צו:
יעדערער זוכט זיך זיין חבר אין לעבען —
שלעפעריג וויגט זיך דער ים.

איך איינער... איך נעם זיך אַ שטאָלצע כּונה:
איך גיין דאָ באַזונדער, אליין זיך פאַרשווייגען,
האָבען איין חבר: די ווייט-ווייטע ווייטקייט —
שלעפעריג וויגט זיך דער ים.

היינט האָט מיר איינע א שמייכעל געוואָרפען,
פּרענג איך דעם שמייכעל ביינאַכט צו די פעלזען:
טיילט מיט מיר, אייביגע, טיילט אייער עווייגען!
שלעפעריג וויגט זיך דער ים...

## קיפאַריסען.

יעדער בוים דאָ האָט זיין גאָט,
יעדער בוים באַהאַלט זיין סוד,
קיינער זאָל נישט וויסען.
שעה'ן שטיי איך דאָ און האָרך—
איך דערוואַרט זיך נישט קיין שאָרך
פון די קיפאַריסען.

ווי מאָנאַכען שטרענג-פאַרטראַכט,
שוואַרצע שפּיזען אין דער נאַכט,
שומרים ביי די פּלייטען...
יעדער בוים דאָ לעבט פאַר זיך,
יעדער בוים דאָ טרוימט אין זיך —
איינער שטום צום צווייטען.

אָפט באַפאַלט אַזאַ פאַרלאַנג,
און אַזוי וויל איך אויף לאַנג
אויף מיין האַרץ פאַרשליסען —
לייג איך דעמאָלט האַנט אויף האַנט
און איך חלום נאָכאַנאַנד,
מיט די קיפאַריסען.

## ים-שטיינדלעך.

רונד-רונדע, האַלב רונדע
און קאַנטיגע שטיינדלעך,
פילפאַרביגע בערגלעך,
באַוועגליכע שטיינדלעך.

אַ שפּיל פאַר די פאַליעס,
אַ רייץ פאַר די קינדער,
אַ בילד פאַר דעם איינעם,
וואָס ליבט זיך אין פאַרבען.

קומען אָן שיפען
אין פריילעכן האַפען,
שיפען פאַרשווינדען
אין ווייט-ווייטע לענדער.

רוישען די שטאָלענע שטעט
ביי די ברעגען
מענשען צעגראָבען
די אַלטע בית-עולם׳ס,
און ס׳גייט, אַזאַ אַרבעט
אויף דרערד ביי די מענשען:
דער מאַרך און די מוסקולען
טאָרען נישט רוען:

מען מוז אַלע סודות
פון קיום דערגרייכען,
מען זוכט אַלע וואונדער,
מען מוז זיי באווייזען.

און דו, אַזאַ אלטער
און אייביגער ים-גוס!
דו מעכטיגע וואסער!
דו שפילסט מיט די שטיינדלעך

שלינגסט זיי אריין
אין קאָלירטע מיליאָנען
און וואַרפסט זיי ארויס
אין קאָלירטע מיליאָנען...
צו װאָס!

## אַי-פעטרי.

אויף אַי-פעטרי הענגט אַ וואָלקען
אויפ'ן וואָלקען הענגט אַ שטראַל,
מאַכט ער דורכזיכטיג דעם וואָלקען,
ווי אַ זילבערנעם וואוּאַל.

בליקט אַרויס אַ פעלז אַן אַלטער,
ווי אַ לאַכעדיגע ספינקס;
נעמען בערג און בערגלעך לאַכען,
ס'ווערט אַ שמחה רעכטס און לינקס.

שווימט זיך לאַנגזאַם אָפּ דער וואָלקען,
שווימט און זילבערט אויף זיין וועג:
ווייסע חילעס טונקלע שלעסער
ביז'ן ים-צו, ביז'ן ברעג.

שפּיציג-הויכע קיפּאַריסען
טאַנצען-אונטער מיט אַ מאָל
און צערייסען לייכט דעם שלייער
צווישען באַרג און צווישען טאָל.

טיפע בלויקייט קוקט פאַרגנב'עט
ווי אַ יונגער פרויען-בליק.
אָט אַזוי זיך מאַכט דער הימעל
מיט די וואָלקענס קונצען-שטיק.

## קרימער נאכט.

אויף די אָפּגעקילטע שטיינער
ווינטעלט וואָרימער און ריינער,
מיט מאַגנאָליעס זיסע דופטען
מישט זיך ים־זאַלץ אין דער לופטען.

אויף די בערגלעך ביי די פּלייטען,
איינער שטאָלצער פאַר'ן צווייטען,
מיט די שפּיץ־קעפּ הויך פאַרריסען
שטייען שוואַרצע קיפּאַריסען.

באַרג און גאָרטען קוקט אין וואַסער,
די לבנה פּאַליעט בלאַסער...
סיי פון ברעגען, סיי צו ברעגען
שווימען שיפלעך איר אַנטקעגען.

ערגעץ זינגט מען שטיל און שטילער...
אָט ווערט וואַרעם, באַלד ווערט קילער.
ים לייגט אויס א נעץ אין הימעל —
עפּעס כשופ'ט זיך אין דרימעל.

## אונטער דער זון.

דער ים, דער גרויסער ים,
די זון, דער הייסער פלאַם,
דיין רייץ און מיין געפיל.
עס זינגט אין מיר די וועלט,
איך ווייס נישט וואָס מיר פעלט
און כ׳ווייס נישט וואָס איך וויל.

ס׳קאָן זיין פון צופיל פרייד,
איך פיל, אַז בין איך גרייט
אויף העלדישקייטען היינט.
פאַרלאַנג -- און איך דערפיל: —
רוף אָן דיין שענסטען ציל,
ווייז אָן דיין ערגסטען פיינט.

אַלץ איינס מיר: טאָל צו באַרג,
אַלץ איינס: דער אַלטער פאַרק
האָט יונגע ביימער אויך.
ווער האָט עס אויסגעקלערט,
אַז גאָט איז ווייט פון ערד,
אַז שטערען זענען הויך...

פאַרלאַנג און איך דערגרייך.

## כ׳גיי צו דיר.

כ׳גיי צו דיר דיין טאָג באַגריסען,
אומגעריכט און אָן דיין וויסען
טראָג איך דיר מיין גאַנצע פרייד.
וועסט מיר היינט אַרויס אַנטקעגען
טריי און האַרציג... וועסט וואָס פרעגען
און וואָס זאָגען שטילערהייט.

צוואַנציג וויאָרסטען באַרג און טאָלען,
אַלע עכאָ׳ס ווידערקולען
מיינע לידער... כ׳גיי דיך זען,
כ׳גיי צו דיר דיין טאָג באַגריסען...
ים און פעלזען, קיפּאַריסען...
וויפיל פרייד מיר איז געשען...

אָדלערס פליען... גליק־סימנים...
און דער ים באַווייזט זיין פנים,
גרין און רויג, ווי אַ פעלד.
כ׳גיי צו דיר דיין טאָג באַגריסען,
אויב דו וועסט דיין האַרץ פאַרשליסען —
דאַן פאַרשליסטו מיר די וועלט...

# מאגנאָליעס.

מאגנאָליעס — זיסע בלומען,
בלומען — שוואַנען!
די זון פון דרום האָט אייך
אויסגעשטאַנען.

אייך האָט ביינאַכט דאָס ווינטעל
אָנפארטרויט אַ מעשה,
פלאצט איר איצט פון ליידענשאַפטען
פלאַמיג, פלאַמיג־ווייסע.

מאגנאָליעס, תּאוה־בלומען!
נאַקעט און באַשטראַלט.
דורשטיגע און צייטיגע
רייצט איר יונג און אַלט.

## מימאָזען.

דיין ליבע אַלייע מימאָזען
שטייט איינזאַם־פאַרטראַכט.
דער ווינט האָט באַגינען צעבלאָזען
דעם טרוים פון דער נאַכט.

דאָך שוועבט נאָך צווישען די צווייגען
דער סוד פון דער נאַכט.
נאָר איך בין פאַרמשפט צום שווייגען:
דיין טיר איז פאַרמאַכט.

איך זוך אויף די זאַמדיגע שטעגען
די טריט פון דער נאַכט...
ווער ווייס, ווען איך וועל דיך באַגעגנען?
מיין בענקעניש וואַכט.

איך וועל דאָ מיין האָפענונג לאָזען,
וואָס דו האָסט געבראַכט.
מיין שטומע אַלייע מימאָזען
שטייט איינזאַם פאַרטראַכט.

# אַ װאָלקען.

עס האָט זיך אַ װאָלקען פאַרקליבען
צװישען די בערג,
און איז דאָרט הענגען געבליבען
אַזױ װי אַ שטילער פאַרקלער...

עס יאָגט אים דאָס װינטעל נישט מער,
טיפעניש ציט נישט אין טאָל.
אַ חלום — דער װאָלקען,
אַ שװעב פון אַ מאָל...

ער זעט נישט די כמאַרעס פון יענעם זײט באַרג,
ער זעט נישט דעם ים, װאָס צעשטורעמט זיך שטאַרק,
ער זעט נישט אין טױ
װעמעס בליק ער דערפרײט,
און פילט נישט, װי לאַנגזאַם
ער שטאַרבט און צעגײט.

## די זון שרייבט...

די זון שרייבט א גאַנצען טאָג
מיט שטראַלען-היעראָגליפען;
זי צייכענט אויפ'ן ים אַוועג
פאַר אַלע ווייטע שיפען.

נאָר ווינט און ים אין איין פאַרבאַנד
צעשטערן אירע פּלענער
און פון די שיפען בלייבט א מאָל
א באַרג צעקלאַפּטע שפּענער.

דערנאָך, ווען די לבנה שווימט,
קום איך צום ברעג א בלאַסער,
איך לייען אַ צעשראָקענער
די צייכענס אויפ'ן וואַסער.

עס וואַשט זיך ווער מיט טויטע הענט
אין שיין פון דער לבנה,
און נאַכט אַליין מאַכט פול די נאַכט
מיט פּחד און סכּנה...

## דאָ און דאָרט

דאָ און דאָרט שפּרינגט אַרויס פון וואַסער
אַ ווייסע לאַנגע האַנט
און גלעט דעם שאַרף־גלאַנץ אויף די פּאַליעס
דאָ און דאָרט שפּרינגט אַרויס פון וואַסער
אַן אָנגעזייפטער קאָפּ
און ווערט פאַרשוואונדען

ווער טרייסעלט עס, ווער הוידעט עס מיין שיפעל?
אויף צעקלאַפּטע פּאַליעס פּערטעלט זיך מיין חלום,
און ווערט פאַרשוואונדען.

אַ ווייסע מעווע פליט איבער מיין קאָפּ.
דער ווייסער פויגעל טראָגט מיר לוין פאַר אַלע זאָרגען,
און ווערט פאַרשוואונדען...

אָפּט זע איך אין דער טיפעניש מיין אויסגעטרוימ־טען פּאַלאַץ
עס גלאַנצען ווענט געשליפען פון קריסטאַל...
עס קומט אַ פאַלשער טרייסט־געדאַנק.
און ווערט פאַרשוואונדען...

## פלינקער, פישער!

פלינקער, פישער! גיב דיין שיפעל,
לאָז די נעצען איפן ברעג.
דיינע פיש, וואָס דו ווילסט פאַנגען,
וועלען היינט נאָך נישט אוועק.

אָבער דאָרט אין ים אינמיטען,
ווייט אין וויגענדיגען ים,
האָט דער הימל שטיל און פלוצלונג
אָנגעשיקט אַ העליש פלאַם.

איינגעגעבערט זיך אין וואַסער
ווי אַן אַנקער האָט די זון.
גיכער, פישער. גיב דיין שיפעל...
ווייסטו נישט דערפון?

היינט וועט ווערן דאָ באַשלאָסען
אין דער לעצטער שטורעם-שלאַכט,
וועמען טאָג געהערט און לעבען,
וועמען — נאַכט...

# די פרוי און דער אָדלער.

אין ים האָט אַ פרוי זיך געבאָדען,
געשפּרונגען אין וואַסער, געטאַנצט,
דער ים האָט גערוישט און געזאָטען
מיט זילבער געשוימט און געגלאַנצט

גאָר הויך איז אַן אָדלער געפלויגען,
אַ גאַסט פון אַי־פּעטרי, פון באַרג.
דער ווינט האָט די שיפלעך געצויגען,
געהוידעט די זעגלען ניט שטאַרק.

גאָר ווייט אויפן ים איז געלעגען
פון שיף אַ געשוים און אַ רויך...
און שטום אויפן ברעג, אויף די וועגען,
און שטיל אויף די בערג אין דער הויך.

דער אָדלער צעשפּרייט זיינע פליגעל,
זיין שאָטען פאַלט אונטען אין ים,
אַ שוואַרצער, אַ מעכטיגער זיגעל
פון שטאָלצען, פון אָדלערשען שטאַם.

די פרוי האָט די אָרעמס די ווייסע
געעפענט, די אויגען פאַרמאַכט.
אין וואַסער אַריין אויף צו פלייסען,
פון וואַסער אַרויס או געלאַכט

דאָך ווײַל זיך דער אָדלער נישט מיִען,
צו נידערן אונטען... ער וואַרט.
די פרוי... זי קאָן דאָך נישט פליִען,
זי שמייכעלט, זי ווינקט און פאַרנאַרט.

דערווייל איז אַ שיף אָנגעקומען
מיט מענשען אַ סך אויפן דעק.
דער אָדלער האָט הויך זיך פאַרנומען,
די פרוי איז אַנטלאָפען צום ברעג.

## צום ים

מיין ליבּ נעזאַנג געהערט צו דיר און צו דיין שטורם
אויפגעמונטערט
גיי איך הויך אַרויף אויף באַרג און טורעם
מיין האַרץ, מיין אויג
זאָל ברייט און ווייט דיך גריסען.

ביז ענדלאָז ווייט,
וואו הימל באָדט זיך אין דיין פליסען,
וואו זון גייט אויף און ווערט דערטרונקען,
וואו שטערן לעשן זיך ווי פונקען...

מיין ברכה שיק איך צו דיין גרויסקייט
צו דיין רויִקייט און בייזקייט,
יעדער פאַליע,
וועלכע קעמפט און פאַלט,
פאַר א רגע זיין בעשטראַלט.

און ס'דאַכט זיך מיר:
א ווייסער זעגל וועט
צו דיינע ברעגען קומען...
א פליגעלדיגער ווייסער זעגל.

און אַלץ,
וואָס איך האָב אויסגעטרוימט אין מיינע יונגע יאָרען

און אַלץ,
וואָס איך האָב לאַנג אין שטרײַכען שוין פֿאַרלאָרען
און דאָס,
וואָס איך פֿאַרלאַנג נאָך איצט
אין שטאָלץ פֿון לעבען,
דאָס אַלץ וועט מיר דער ווייסער זעגל געבען.
און פֿילען־פֿיל איך, ווי עס וואַקסט מיין ווענען,
אַז שוואַך בין איך גאָר קיינמאָל נישט געוועזן.

אַליין האָב איך געפּלאַנצט מיין שטורעם,
אַליין געקלעטערט אויף מיין טורעם
צו איינזאַמקייט, צו זון אין פֿלאַם...

באַגריס אויך דו מיך, ים!

## פאַליעס.

עס לויפען קאַרליקעס
מיט טאַצען פון קריסטאָל,
עס לויפען קאַרליקעס
און פאַלען אַלעמאָל.

עס בויען קאַרליקעס
זיך הייזעלעך פון שוים,
זיי דערבויען נישט
און זינקען איין אין תהום...

## איך האָב דריי יאָר.

איך האָב דריי יאָר געטעמט
זאַלציגע לופט,
איך האָב דריי יאָר מיין זעגל
אין שטורם־ווינט געפּרובט.

און איצטער ביי די שטיינער
פון מויער און פון שטאָט.
פאַרבענק איך זיך אַ בלייכער
נאָך יענע טעג... נאָך גאָט.

די ווייסע זעגלען שוועבען
אויף שוימעלעך פון ים...
די וועלט איז איצט מיין שטייגעל
די לופט איז מיר דאָ סם.

# אכט שורות

# וואָס איז אַ ליד?

וואָס איז אַ ליד? אַ שיינער קלאַנג,
אַן אָדלער-פלי פון'ם געדאַנק,

אַ בליק צו גאָט, אַ בליק אין תהום,
פאַרלאַנג געשמידט אין פערז און רוים,

אַ הייליג פלוך און אומעט-פרייד,
אַ שמעטערלינג, אַ ווייסער קווייט...

אַ טרוים, וואָס נאַרט און וויגט אונז איין,
אַ שטומע טרער געמישט מיט וויין.

## מײַן ניגון.

דאָס לעבען איז אַ גרויסע האַרפּע
מיט סטרונעס לאַנגע־לאַנגע...
גאָט! מיט מײַנע שוואַכע פֿינגער
ווילט זיך די סטרונעס מיר פֿאַנגען.

אָבער כ'וויל נישט קײנעם וועקען,
און נישט טרײסטען און נישט שרעקען...
קלויב איך אויס דעם שטילסטען ניגון,
זיך אַלײן נאָר אײַנצוּוויגען...

## איך און אלע...

איך און אלע — צוויי געזעצען...
וועלכעס זאָל איך שטאַרקער שעצען?

זיין דער ערגסטער, זיין דער בעסטער?
גיב אַן עצה, גוטע שוועסטער!

וועמען פאָלגען: זיך צו יענעם?
אוי, דאָס לעבען איז אַ גיהנום...

אַלע וועגען זענען קרומע,
אַלע געטער זענען שטומע...

## אויף אונזערע ביינער

קיין דור וועט צעשטערן,
דער צווייטער וועט בויען,
דער דריטער וועט קלערן,
ווי איבערצובויען.

טראָגט ציגעל, טראָגט שטיינער,
קומט אַקערן, פלאַנצן —
אויף אונזערע ביינער,
וועט עמיצער טאַנצן...

## צו גאָט

גאָט, נידער צו אונז
אין די טאָלען פון פּיין,
מיר קאָנען שוין מער
אַזוי איינזאַם נישט זיין.

דו לעבסט אויפן הימעל,
דער טייוועל אויף דר'ערד.
רבונו-של-עולם,
זע מאַך עס פאַרקערט!

## מיין יניקה

זאָל די אַלטע זון מיר שיינען —
איך בענוגען זיך דערמיט,
זאָל דער שוים פון אלטע ווײַנען
יונג באַגײַסטערן מיין ליד.

איך — אַ דיכטער פון די אַלטע,
איך האָב ליב די אלטע וועלט.
די לבנה׳שע די קאַלטע
ציט יניקה פון איר קעלט.

# מײַן װידערקומען

איך װאַרט מײַן װידערקומען,
אין טויזענט יאָר, איך גלייב.
איך װעל דאַן זײַן אַ הערשער
אָן אָדלער, צי אַ לייב.

די הענט, די הענט, װי מאַכטלאָז
זיי זענען אין מײַן צייט...
איך װאַרט מײַן װידערקומען,
איך זע זיך אין דערװייט.

## דער וואַלד־שפּיץ זילבערט

דער וואַלד־שפּיץ זילבערט,
עס טויט דער טאָל,
עס גרינט דאָס לעבען
צום ערשטען מאָל,

דער ווינט — דער יורש
פון יעדער פרייד,
באַשיט מיין שטעגעל
מיט ווייסען קווייט.

# קאנטראסטען

## ביים פאָנטאַן.

שפּריץ מיט קאַלטע טראָפּענס,
זילבערנער פאָנטאַן!
ביי די קלאָרע שטראָמען
קניט אַ בלאַסער מאַן.

זינדיג און צעשראָקען
שטרעק איך אויס די הענט,
שפּריץ מיט קאַלטע טראָפּענס, —
מיין נשמה ברענט.

יעדער פרישער טראָפּען
שווענקט אראָפּ אַ זינד...
און די אויגען זעען
ווי עס בליט און גרינט.

## ערגעץ־וואו

ערגעץ־וואו איז דאָ אַ פעלד.
ווינטער ווייט דאָרט שניי און קעלט.

זומער גרינט דאָרט, זומער בליט,
און עס שוועבט אין גראָז אַ ליד.

ערגעץ רוט אַ בערגעל ערד, —
מיר אַליין איז עס באַשערט.

כאָטש איך ווייס נישט, וואו דאָס איז —
קיינער ווייס נישט אויף געוויס,

אפשר נאָענט און אפשר ווייט?
אָ, ברענגען וועט עס די צייט,

און געפינען וועל איך רו...
ערגעץ־וואו... יאָ, ערגעץ־וואו...

## לערן זיך שווייגען

ווערסט בלייכער און עלטער,
די פריינד ווערען קעלטער,
די וויסטקייט אין הארצען וועט שטייגען.
דערמאָן די פערלאַנגען,
וואָס זענען פאַרגאַנגען,
און לערן זיך, לערן זיך שווייגען...

אין גאָרטען ווייט קילקייט —
האַלב־טאָגיגע שטילקייט,
א בינעלע זשומט אויף די צווייגען.
גיב אָפּ דיין נשמה
די לעצטע נחמה,
און לערן זיך, לערן זיך שווייגען.

עס וויינען די שטערען
מיט גאָלדענע טרערען...
די נאַכט וועט קיין וועג דיר נישט ציינען.
פאַרוויג אין זכרון
דעם צער פון די יאָרען
און לערן זיך לערן זיך שווייגען.

## 8 שטימונג

אַ נאַסער, אַ קאַלטער פרימאָרגען.
מיין חדר —
אַזוי ווי אַ קאַמער אין תפיסה.
היינט וועט ער קומען דער תלין,
די ליפּען פאַרקרומט און פאַרביסען.

מיט בליי איז פאַרגאָסען דער הימעל,
איך האָב אַזוי לאַנג נישט געזען שוין קיין בלימעל.
וואו ברודער? וואו שוועסטער? וואו פריינד?
היינט!
היינט וועט ער קומען...

קאַלט און קיין איינציגע האָפענונג מער,
און קיין איינציגע וואַרעמע טרער.
היינט וועט ער קומען
מיט שטאַרען, פאַרגליווערטען בליק,
און אין דער האַנט וועט ער האַלטען אַ שטריק.

# אַ באַלאַדע

קיינער ווייס נישט די מעשה גענוי;
ביים גראַף — איז פלוצלונג געשטאָרבען די פרוי...

גייט אַרום אַ פאַרקלערטער דער גראַף,
שעה'ענווייז שעה'נווייז שטייט ער ביים סטאַוו.

שפרינגט דאָרט אַ זשאַבע אַרויס אויף אַ שפאַן
שווימט מאַיעסטעטיש צום ברעג צו דער שוואַן

באָדען די וואָלקענס אין וואַסער זיך אויס,
כאַפט זיך אַ פישעל צעשראָקען אַרויס.
הענגען די שטערען דאָרט איבער זיין קאָפּ,
פאַלט ווען אַ גאָלד־בליץ אין טייכעל אַראָפּ.

שרייט וואו אַ פויגעל, קרייט וואו אַ האָן,
טראָגט זיך באַגינען פון דאָרף אַ גלין־גלאָן,
דער גראַף שטייט ביים סטאַוו ביז פאַרטאָגיגען טוי,
ער וואַרט דאָרט, ער וואַרט דאָרט, ער וואַרט אויף זיין פרוי.

ביז עמיצער קומט פון די דינער צו אים
און רופט אים און טרייסט מיט אַ פאָטערליך שטים..

אין שלאָס, אין אַ ראַם הענגט אַ בילד פון אַ פרוי...
אין שלאָס שוועבט אַ סוד... קיינער ווייסט נישט גענוי.

## באהעמע־ליד.

מיר לעבען צווישען שפּאַס און זאָרג,
מיר נעמען פרייד פון צער,
מיר לויפען פון דער וואַכיגקייט,
ווי פון אַ טויט־געפאַר.

ווען אונזער ווילען ווילט זיך נאַר,
מוז ווייסקייט ווערען שוואַרץ,
און ווי צו די געזעצען דאַן,
ווען ס'שרייבט זיי אונזער האַרץ.

פון טויזענט פלאַמען־פייערען
באַקומט איר בלויז אַ פונק,
פון גאָט־און שד־באַגעגעניש —
אַפילו נישט קיין וואונק.

מיר שאַפען וועלט און וועלטען...
פאַר אייך? אָ, ניין! פאַר זיך.
ווי רופט מען אייך? זאָגט נאָכאַמאָל!
ווייל מיר פאַרגעסען גיך.

די בירגער טראַכטען, קלערען זיך:
„זיי זענען אונז צו פרייד", —
מיר האָבען אייך אין זינען נישט
אַפילו נאָכ'ן טויט.

די מיידלעך בעטען ליבע אונז
אויף אייביג כאָטש... נישט מער.
אך, אייביג איז די נאַרישקייט,
אַ צוזאָג איז נישט שווער.

מיר נאַרען און מיר נאַרען זיך
און שטאַרבען פאַר דער צייט.
אַ קללה אַלע שפּאָרזאַמע
און אַלע קאַרגע לייט!

## נשמה'לע.

גוטינקע, העפליכע, ערליכע, גלאטינקע,
גרויסע-קליין-קעפעלשע, פעטינקע, זאטינקע,
רונדע-פירקאנטיקע, כשר געמייניגקע —
זאג, וואו אנטלויפט מען פון דיר?

שטענדיג צופרידענע, שקלאפיש-דעספאטישע,
אייביג פארנומענע, שפארזאמע, קראטישע,
פיפיגע, פלייסינקע, פאלשע-אומשולדיגע —
זאג, וואו אנטלויפט מען פון דיר!

נאריש-געגארט זע איך אויס אין מיין וואנדערן,
לויף איך פון איינעם, דאן ביזטו ביים אנדערן,
אומעטום, אומעטום זע איך דיין ענליכקייט—
זאג, וואו אנטלויפט מען פון דיר!

## די מידקייט יאָגט אהיים.

די מידקייט יאָגט אַהיים פון איינזאַמען שפּאַציר,
דאָך מאַך איך קליינע טריט און שטיין בלייב איך ביים טיר

אין ענגען צימער מיינעם באַגעגענט מיך די נאַכט:
וואָס האָסטו מיר פון טאָג פון ליכטיגען געבראַכט?

וואו זענען דיינע פריינד? וואו איז דיין ציל און זיג?
דו גייסט אַליין אַוועק און קומסט אַליין צוריק.

אַלץ קעלטער ווערט דיין קוק און גרויער און פאַרטראַכט..
וואָס האָסטו מיר פון טאָג פון ליכטיגען געבראַכט?

איך בין די שוואַרצע נאַכט, געבוירען חושך=שוואַרץ:
צי דען בין איך דיין פריינד, דער צווילינג פון דיין האַרץ?

עס יאָמערט ווער אַרום און בייזערט זיך און לאַכט:
וואָס האָסטו מיר פון טאָג פון ליכטיגען געבראַכט?

## קאַרטען.

אַך, לאָמיר צעוואַרפּען די קאָרטען,
צעשיטען זיי פריילין, אויף דר'ערד,
אומישנע פאַרשווינדלען דעם מזל,
דער גורל, וואָס אונז איז באַשערט.

פאַרשפּילען, געווינען — נישט קלערען
די ענדע, וואָס גייט זי אונז אָן?
אַך, לאָמיר צעוואַרפען די קאָרטען
און אָנהייבען ווידער אַ קאָן.

ווי פריילין עס שפּילט זיך פון אָנפאַנג,
ווי זיכער מיר זענען ביינאַנד.
נאָר פּלוצלונג פאַרלירסטו דיין דרייסטקייט,
עס ציטערט דיין מוטיגע האַנט.

אַך, לאָמיר צעוואַרפען די קאָרטען,
דער ספק, דער בייזער... ער צילט:
ווען איינער פון אונז זאָל פאַרשפּילען,
דאַן האָבען מיר ביידע פאַרשפּילט.

## מיין טויט.

אין אַ בלויען פאַרנאַכט זאָל ער קומען,
שטיל און רויִג זאָל זיין די נאַטור,
שטיל און רויִג זאָל זיין די נאַטור,
אַז די לופט זאָל אַ בלום נישט באַריִרען.

אַז אין פעלד זאָל אַ גראָז זיך ניִשט בייגען,
און קיין שטויב זאָל ניִשט בייטען זיין אָרט,
און קיין שטויב זאָל נישט בייטען זיין אָרט
אין דעם בלויען פאַרנאַכט פון מיין שטאַרבען.

אַ קראַנץ פון בלויפאַרביִגע בלומען
פאַרוואַרפען זאָל ער אויף מיין האַלז,
פאַרוואַרפען זאָל ער אויף מיין האַלז,
און לאַנגזאַם און לאַנגזאַם פאַרציִען.

מיין קבר זאָל קיינער נישט וויִסען...
אַזוי ווי ס׳פאַרשווינדט די נשמה,
אַזוי ווי ס׳פאַרשווינדט די נשמה,
זאָל ווערן מיין קערפּער פאַרשוואונדען.

## ביי אונז אין שטוב.

ביי אונז אין שטוב מיט צוגעמאַכטע טירען
איז שטיל דער טויט אַריינגעקומען
און צוויי קרבנות צוגענומען—
ביי אונז אין שטוב מיט צוגעמאַכטע טירען.

אין אונזער צער וועט קיינער אונז נישט טרייסטען,
און קיינער וועט די קברים נישט באַצירען.
מיר וועלען פעסטער צומאַכען די טירען
און שווייגעדיג אַליין אין צער זיך טרייסטען.

איך וויס נישט וועמען פריער צו דערמאָנען:
מיין שוועסטער מיט די סערנע-טריט,
מיין ברודער מיט זיין יוגענט-ליד...
איך וויס נישט וועמען פריער צו דערמאָנען.

דאָך גלויבען ווילט זיך אין גן-עדן
און בעטען זעליגקייט און גנאָד,
פאַר צוויי נשמות בעטען גאָט...
זיי זאָלען ליכטיג רוען אין גן-עדן.

# „זשיד".

א ליד א שוואַרצס, פון שוואַרצע קלאַנגען,
פון שוואַרצען ריטם אויסגעשמידט,
א שוואַרצער גיפט פון שוואַרצע שלאַנגען,
פון שוואַרצען שפּינוועבס איז דאָס ליד.

א זשומעריי פון שוואַרצע בינען,
א בילעריי, א שוואַרץ געמיט,
א ברום פון שיכּורע אָן זינען:
„זשיד".

אין שוואַרצע נעכט האָט דער נישט גוטער
אין גיהנום־פּעך דאָס וואָרט געגליט.
אים חזר'ט נאָך דער הייסער לוטער
און אויך דער קאַלטער יעזואיט.

אָ, אַלטע גיהנם־וועלט, באַרעכען!
ווען וועסטו שוין די ציין צעברעכען,
ביז קייענדיג דעם „זשיד"...

## עס קוקט אויף מיר דער האַס.

עס קוקט אויף מיר דער האַס מיט טויזענט אויגען:
אויף יעדען טריט, אויף יעדער גאַס
קוקט אויף מיר דער האַס...
פון יעדער שילד, פון יעדען צייטונגס-בלאַט,
פון יעדענס העפליכען פאַרנייגען,
פון יעדען גאַס-יונג קוקט אויף מיר דער האַס...
ער יאָגט מיך נאָך, ווי פיילען פון'ם בויגען:

אין טראַמוואַי-קלונג, אין פייף פון באַן,
אַך! אומעטום איז האַס פאַרהאַן...

אין קינדערס אומשולדיגען שפּאַס
און אין דעם הונגעריגענס כעס,
און בייזען שטאָלץ פון פיינעם פאַן...
אַך! אומעטום איז האַס פאַרהאַן.

מיין פרייד!
מיין העלער רעגענבויגען!
וואו איז מיין האָפענונג אויף פרייד,
ווען אַלץ איז אָפּגעסמ'ט אויף טויט...
שוואַרץ מיין טאָג!
שוואַרץ מיין נאַכט!
צו האָב איך זאָרגלאָז ווען געלאַכט?

עס קוקט אויף מיר דער האַס מיט טויזענט אויגען,
און טרייבט ביי ווענט גיין איינגעבויגען...
גיין ווייט פון שטאָט,
צום שד, און שפּאַט
צום וויסטען פעלד...
אַ, שלעכטע וועלט!

## וואָס וועט בלייבן?

וואָס וועט בלייבן צו דערמאָנען
פון דעם לאַנגען וועג,
וואָס וועט בלייבן, וואָס וועט בלייבן
פון די שווערע טעג?

אַז מען פלאַנצט ניִשט אין דער יוגענט
בליִט דאָך שפּעטער ניִשט,
אַז מען זיִנגט ניִשט אין דער יוגענט,
זיִנגט מען קיינמאָל ניִשט.

בלומען בליִען, בלומען וויאַנען,
אָבער ווי אונז, וויי,
אונזער גאָרטען ליִגט פאַרגליווערט
אונטער קאַלטען שניי...

וואָס וועט בלייבן צו דערמאָנען,
דור, מיין דור, באַקלער!
קליינע קללות ווערען גרויסע
און ניִשט מער, ניִשט מער...

## באַגראָבענע יאָרען.

איך טראָג אַ קבר אין מיין האַרץ,
מיט ווייטאָק און מיט צאָרען,
מיין יוגענט ליגט באַגראָבען דאָרט,
מיין לעבענס בעסטע יאָרען.

און שטייען ווען די יאָרען אויף
פון קבר פון פאַרמאַכטען, —
דאַן נעם איך מיט אַ פחד־שרעק
זיי איינציגווייז באַטראַכטען.

מיט טויטע, אויסגעשטרעקטע הענט...
איך קאָן זיך נישט באַפרייען.
זיי שטיקען מיך און ווערגען מיך —
נישטאָ קיין קראַפט צו שרייען...

וואָס ווילען די סקעלעטען־הענט?
וואו פירען מיך די יאָרען?
ס'איז נאַכט און ווינט... איך הער עס בלאָזט
דער לעצטער בייזער האָרן...

## דער פאַנטאַזיאָר

ער זאָגט: „איך האָב אַ פּאַלאַץ,
ס'איז זייער ווייט און הויך",
עס וואונדערט אונז זיין רייכקייט:
דער מענש איז קליין און בלייך.

ווען אַלע האָבן זאָרגען,
איז ער פון זאָרגען ווייט,
ווען מענשען שטרייטען ביטער,
איז נאַריש אים דער טויט.

פאַרשפּילט זיין גליק, זיין גלויבען —
עס טוט אים גאָרנישט באַנג.
אַ פריינד איז אים געשטאָרבען,
פאַרשווינדט ער וואו אויף לאַנג.

אַך, וואו איז דאָס זיין פּאַלאַץ,
וואָס מאַכט פון יאָך אים פריי?
מיר פרעגען אים... ער שמייכעלט
און לאַכט פון אונז דערביי.

געפינען מיר אים שפּעטער...
ער האָט אונז דאָך גענאַרט:
זיין היים איז ענג און פינסטער
און זיין געלעגער האַרט

געפֿינען מיר אים שפּעטער
אין שענק ביים פּראָסטען ביר...
ער נעמט אונז דאַן דערציילען
פֿון רייכקייטען אָן שיעור.

ער זאָגט: „איך האָב אַ פּאַלאַץ
ס'איז זייער ווייט און הויך".
ער רויכערט זיך זיין ליולקע
און שפּילט זיך מיט'ן רויך.

## אין קאַפּע

צווישען טאָג און אָוועגט
ברענגען העל די לאָמפּען,
אויפ׳ן גאַס אין נעפּעל
שימערען די מענשען...

אין א טיפען ווינקעל
יאָמערט דאָרט א פידעל,
יאָמערט פון סאָרענטא
און פון בלויע ימ׳ען.

ביי מיין נאָנטסטער שכנה
איז די נאָז פאַרפרודערט,
און די שטרויסען=פעדער
אויפ׳ן קאָפּ צעבראָכען...

דאָרטען אין מיין האַרצען,
וואו דער מידער אומעט,
זאַמעלט זיך א ווייטאָג
שטאַרקער אַלץ און שטאַרקער.

אין אַזעלכע שעה׳ען
קומט א מאָדנע שטימונג:
שטאַרבען וואָלט זיך וועלען,
אָדער נעמען פליען...

# קאָנטראַסטען

איך וויל אַלץ זאָל בלייבען ביים אַלטען
דאָס לעבען זאָל אַנדערש נישט ווערען:
דעם טאָג זאָל זיך זען אַ באַשטראַלטען
די נאַכט אָפּגעשאָטען מיט שטערען.

דער טייך זאָל אין ווינטער זיך שטעלען,
און פריילעך אין פרילינג זיך רירען...
דאָס פעלד זאָל זיך ווייסלען און געלען
און ווייזען וואָס מערער קאָלירען.

אין וואַלד זאָל דאָס לעבען זיך שפּילען
און פייפען און טרעלען און זינגען,
און פייגעל און מילבען און גרילען
זאָל איינער דעם צווייטען פאַרשלינגען.

דער אמת זאָל שטראָפען דעם ליגען,
דער שקר פון אמת זאָל לאַכען,
זאָל איינער דעם צווייטען באַטריגען,
דער שטאַרקער זאָל זיגען דעם שוואַכען.

די פרוי זאָל ווי היינט קאָקעטירען
און לאַכען מיט זילבער־געלעכטער,
דער מאַן זאָל זיין קראַפט נישט פאַרלירען,
דער שטאַרקער, דער שטאָלציער, דער שלעכטער.

זאָל ליבע נישט זיין אין אַרענדע
ביי גוטע, ביי פרומע, ביי קיינעם...
דאָס לעבען וואָס בלייבט אַ לעגענדע,
וואו גוטסקייט און בייז גייט אינאיינעם.

איך וויל מיינע טעג נישט באַלאַסטען
מיט פאַלשע געזוצען־נדרים..
נאָר, שיין זענען בלויז די קאָנטראַסטען
פון בליענדע גערטנער און קברים.

# מ י י ן ת פ י ל ה

זאָל זיין ביים אַלטען ארון־קודש,
זאָל זיין ביים ווייטען מעקאַ־שטיין,
זאָל זיין בסוד, זאָל זיין פאַר עדות —
איך וויל מיין תפילה זאָל דערגיין.

זאָל זיין ביים שיין פון דער לבנה,
ביי דער העלער זונען־שיין,
ביי דעם בילד פון דער מאַדאָנע...
ס'איז אַלץ איינס, וואו ס'זאָל נישט זיין.

איך וויל מיין תפילה זאָל ווער הערען,
מייז אויסגעבענקטען, מידען קול...
און יענער גאָט וועט מיינער ווערען,
וואָס וועט מיר ענטפערען אין טאָל...

# מאשינען

## מאשינען.

קאַלטע, סימעטרישע שלאַנגען אָן זינען —
לויפֿען מאַשינען
און גלאַנצען
מיט שטאָליגען שוים,
ווי קאָסעס,
ווי אייזערנע אָרעמס,
ווי אייזערנע קניען.
זיי פֿאַלען אַרונטער
און הייבען מיט אימפעט זיך ווידער...
זיי פֿאַלען אַרונטער
און נעמען נאָך האסטיגער לויפֿען —
טויזענטער מאָל.

לעדערנע קייטען, לעדערנע צוואַנגען
כאַפּען אַרום די מאַשינען
און לויפֿען מיט זיי.
לויפֿען און בייגען זיך פֿלינק און עלאַסטיש
אין אזא ווילדען,
אין אזא שלאַנקען,
אין אזא בליצשנעלען
ראָד-קאַראַהאָד..

שרייפֿעלעך קליינע, שרייפֿעלעך דריבנע

ווײנען מיט טרערן,
מיט שמוציקע אײל.
ערגעץ דאָרט: אונטען און אויבען און העכער,
רײסט זיך די פאַרע און ציטערט
און קרעכצט...

אָבער די גרויסע, די קאַלטע מאַשינען,
אָבער די אײזערנע שוױיגיקע חיות,
אָבער די רונדע, די קאַנטיקע לאַפּעס
געבען זיך שלום אַף יעטוועדער ווײל.
זשומען,
הודזשען
און שרײען,
טעמפּ פאַרשטיקט...

צײטענווײז, דאַכט זיך,
זײ שווימען, זײ שוועבען,
קריכען אויף סאַמעט, אויף ווײכע דיוואַנעס,
קאַלטע, סימעטרישע שלאַנגען.

אַט נעמען זײ לויפען גאָר שטיל, ווי די פײגעל
און פאָכען מיט שטאָלענע פליגעל
אַן אָטעם, אַ ווינט, אַן געריוש.

פּלוצלונג פערווילט זיך זײ
אויסקלאַפען גאַמען:

„טיק-טאַק" און „טיק-טאַק"
און „טיק-טאַק" אויף ס'נײַ...
און אַלע מאַשינען צעטרייסלען די מויער,
פאַרהילכען, פאַרטויבען דאָס לעבען אַרום.

זיי זענען צופרידען,
די קאַלטע געשליפענע אײַזענס,
זיי זענען צופרידען
די רונדע פילקאַנטיגע רעדער און שרויפען:
מען האָט זיי פון דר'ערד אויסגעגראָבען,
פון שטיינערנע אָרעמס געראַטעוועט,
פון אייביגען שלאָף אויפגעוועקט.

מ'האָט זיי געשטאַלטען געגעבען,
עי עקטריע-נשמות
און מאַכט איבער אַלץ,
איבער די טרוימען פון פאַן און פון וועלדער,
פון הימלען, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין די סטאַוועז,
אין טײַכען און ים'ען...
מאַכט — איבער אַלץ...

זיי האָבען די געטער די אַלטע צעמאָלען.
די שטאַרקע מאַשינען,
די אײַזענס, וואָס האָבען אין דר'ערד
אײַנגעאָדערט געדרימעלט...
יי האָבען די געטער צעמאָלען.

דער מענש האָט פון דר'ערד זיי געבראַכט
אויסגעגראָבען פון טיף ווי אַן אוצר,
איצט שטייט ער צעטומעלט
ביים אוצר.
שפּרינגט אָפּ מיט מורא בעת די מאַשינען
לויפען און טאנצען אין ווילדען געלויף.

ער הערט נישט זיין אייגען קול,
ער הערט נישט זיין אייגען ליד...
בעת די מאַשינען
פאַרהילכען דאָס לעבען אַרום.

די זון קוקט אַריין דורך פאַרפאַרעטע שויבען
אויף ספינקסען
פון קאַלטען געשליפענעם אייזען,
אויף לעבען, וואָס לעבט נישט,
אויף לעבען, וואָס זינגט נישט,
אויף לעבען,
וואָס שמידט זיך די קייטען אַליין.

און ס'לויפען די שטאָלענע קאָסעס,
די אייזערנע אָרעמס;
און ווילען דאָס לעבען אינגאַנצען פאַרכאַפּען.

נאָר מענשען זיי גלויבען
און וואַרטען אַ נייעם משיח,

אַ נייעם משיח פון שטאָל און פון אייזען:
צו שמידען דעם ערשטען און לעצטען פאַרבאַנד.

און דעמאָלט:
נשמה וועט געבען דער מענש די מאַשינען
און אייזען וועט געבען דעם מענשען
זיין קראַפט...

## מ׳בויט אַ הויז.

מ׳בויט אַ הויז
און צוויי געזונטע בעל-מלאכות
רייטען אויף אַ רונדען קלאָץ
מיט שאַרפע העק:
מען קאַנטעוועט דעם רונדען בוים...

העי!
אַ שפּיי, און שפּענער
פרישע שפּענדלעך פליִען,
ס׳שמעקט מיִט וואַלד,
מיִט אוראַלט, אייביִגקייט
און מיט געדעמפטער סמאָלע שמעקט...

מען קאַנטעוועט דעם רונדען בוים:
שווייס, קראַפט, מוטיִגע בליִקען,
און די שאַרפע האַק, וואָס
חבר׳ט זיִך מיִט זון און גלאַנץ...

וועלדער גרויסע, אַלטע,
אוראַלטע,
געדיִכטע וועלדער,
וועסטו, מענש, אַניִדערלייגען,
יוען דו באַדאַרפסט פאַר זיִך אַ הויז

## אמאָליגע וועבערס.

אמאָליגע וועבערס, ברייט-בערדיגע יודען,
פאַראַרבעטע, שטומע.
איין פלייצע אביסעל אַ קרומע, —
בייטאָג און ביינאַכט און באַגינען
וועבען און וועבען
אָן זינען.

די זון פלעגט די אויגען
דורך פענסטער פערבלענדען,
נאָר אַרבעטען, אַרבעטען, גורטען די לענדען,
און דאַנקען דעם בורא
פאַר ברויט און פרנסה...

פון צוגאָב אויף יום טוב
פלעגט שמייכלען דאָס פנים,
מיט בעל-הבתים געלעבט,
נישט ווי שונאים.
געזעסען,
געוועבט
און געצויגען אַ ניגון,

אַ רגע געקאַרגט צו פאַרטרייבען די פליגען.
איין קעטע געענדיגט,
גענומען אַ נייע
און פריי ערשט געוואָרען...
צו דער לויה.

# וויםקים

## שניי.

אַט איז ער מיין חלום,
מיין טרוים, וואָס איך זוך,
דער ווייסער, דער ריינער,
בריליאַנטענער פּוך, —
דער ליכטיגער, ציכטיגער שניי.

ער מאַכט מיר דאָס אַלטע,
פאַרשימעלטע — ניי,
און לעבען און ליידען,
ס'איז אַלעס כדאי.
עס טוט מיר מיין איינזאַם נישט וויי.

ער פאַלט אויף די הייזער,
אויף יעדען קאַרניז
און לייגט אונטערטעניג
זיך אויס צו די פיס
און שמייכעלט צו מיר, וואו איך גיי.

עס שפּאַסען שיכּורים,
איך הער זיך אַלץ איין:
עס דוכט מיר, זיי זענען
נישט שכּור פון וויין —
נאָר טאַקע פון פריש־ווייסען שניי.

אָט איז עס, דאָס וואונדער!
עס וואַרעמט מיין בלוט,
און אויב אויפ'ן האַרצען
איז עפּעס נישט גוט —
צעגייט עס אין לופטיגען שניי.

## אין וואַלד.

באַגעגענט האָבען מיך די יונגע ביימעלעך,
די קליינע שומרימלעך פון גרויסען וואַלד.
אַ צווייג אַ צווייגעלע האָט שטיל אַ ריר געטאָן,
אַ שאָרך אַ זיידענעם האָב איך דערהערט:
„ששאַ!"

די שטומע אייביגקייט האָט שטום אַ ווינק געטאָן
און מיך אַוועקגעפיהרט אין טיפען וואַלד.
און ס'האָבען זקנים פיל, מיט בערד צעפּלאָנטערטע,
אין קיטלען אָנגעטאָן אַרומשפּאַצירט,
שטרענג און נייגעריג מיך אָנגעקוקט
און שטאַרק געוואונדערט זיך:
„ווער איז ער, ווער?"

אין וואַלד אין רויגען באַווייזט אַ מיידעל זיך
מיט אויגען אָפענע און דערשראָקענע:
פון וואַנען לויפט זיך עס?
צו וועמען לויפט זיך עס?
איך נעם איר נאָכלויפען אין טיפען וואַלד,
מיט שניי זי אָפּשיטען, מיט שניי באַזילבערען...

די פלינקע שטיפערין...
וואו איז זי, וואו?

דִי פִּיס צעקלאַפּ איך זִיךְ, דִי הענד פּאַרפרִיר איך זִיךְ,
דעם סוֹד דעם מיידעלשען דערגיי איִך נִישט.

נאָר ווייט אִין וואַלד אַריין, פוּן אוּנטער ערד אַרוֹיס
דערגרייכט אַן אויסגעשריי, אַ ווִילדער ווידער־קוֹל:
„כאַ, כאַ, כאַ!"

## אויף די פעלדער.

אויף די פעלדער איז עמיץ
אַ ווייסער געפלויגען,
ער האָט אַלע טייכלעך
מיט זילבער באַצויגען.

ער האָט אויף די לאָנקעס
זיין מאַנטעל פאַרלאָרען —
גאָט'ס וועלט איז פון דעמאָלט
אַ ווייסע געוואָרען.

## אַ בּײמעלע.

אַ פֿאַרװײטער, אַ פֿאַרשנײטער
אַ פֿאַרגלי־װערטער פֿון קעלט.
אײנגעבױגען, אײנגעהאָרבעט,
שטײט אַ בּײמעלע אין פֿעלד.

װי אַ זינדער אַ פֿאַריאָגטער,
װעלכער טרױערט אין דער שטיל,
װי אַ װאַנדערער, װאָס בּלאָנזשעט
אָן אַ װעג און אָן אַ ציל.

## מיר פאָרען דורך וועלדער.

מיר פאָרען דורך וועלדער פאַרשנייטע,
מיר פאָרען אַ טאָג און אַ צווייטען,
מיר זעען נאָר סאָסנעס מיט זילבערנע גאַרטלען,
מיט קופּערנע שטערענס,
מיט צווייגען פאַרגליווערטע אָרעמס.

מיר האָבען פאַרגעסען צו וועמען מיר פאָרען.
מיר האָבען דעם וועג שוין,
אודאי פאַרלאָרען.

מיר זעען אַ קרעטשמע...
מיר קלאַפּען, מען עפענט:
דער יודישער שענקער
איז בייז און פאַרשלעפּערט.

מיר טאַנצען פון קעלט נאָך, מיר מאַכען זיך וואַרעם
און טאַנצענדיג קלינגען די זילבערנע מינצען
ביי אונז אין די טאַשען —
דער שענקער ווערט פריילעך.

מיר עסען, מיר טרינקען,
מיר לייגען זיך שלאָפען.
אונז חלומ'ט די שטאָט זיך
פון וואַנען מיר זענען אַנטלאָפען.

איך און מיין חבר —
אַ שטאָלצער אַ דרייסטער,
ער גנב׳עט ביים טאַטען די זילבערנע רובלס
און וואַרפט זיי פונאַנדער אין שניי...

באַגינען —
מיר פאָרען שוין ווידער, מיר פאָרען,
דער וואַלד איז נאָך ווייסער
און שענער געוואָרען...
באַהאַנגען מיט זילבערנע קרוינען און שפּיצען,
מיט זילבערנע צעפּלעך פאַרפלאָכטען.

עס לויפט אונזער שליטען אַריין
אין די מילך-ווייסע, דינע גאַרדינען
און רייסט זיי,
און טרייסעלט פונאַנדער
דעם פראָסט-שטויב פון הונדערטערביימער.
איך און מיין חבר, מיר וועלען מער קיינעם נישט פאָלגען
נישט דינען.

מיר פאָרען, צו וועמען? צו איינעם אַ קרוב אַן אַלטען.
ער וועט אונז באַשיצען און זיכער באַהאַלטען
פון אַלע געזעצען, פון אַלע געפאַרען:
ער לעבט אין די וועלדער, דורך וועלכע מיר פאָרען.
מיר פאָרען, מיר פאָרען,
מיר האָבען דעם וועג שוין אודאי פאַרלאָרען.

## ווייסע לעגענדע.

אַזוי ווי אַ ברוגז׳ע שטאָלצע פּרינצעסין,
וואָס וויל נישט אײַנזאַם איר טרויער פאַרגעסן,
שווימט די לבנה אין הימעל אַליין —
גלײַכגילטיג, שיין.

אַזוי ווי די זקנים אין הקדש אין אַלטען,
שטייען די ביימער אין גאָרטען, אין קאַלטען.
אַזוי ווי די זקנים מיט שניי־ווייסע בערד —
פאַרקלערט.

און אייביגקייט שוועבט דאָ, אַ ווייסע לעגענדע,
מען ווייס נישט איר אָנהייב, מען ווייס נישט איר ענדע.
דער סוד פון דער נאַכט איז פאַרגליווערט אין פראָסט,
פאַרגליווערט אין פראָסט...

## וו יי ס ק י ט.

איך בין געווען אין ווייסען פעלד,
געווען אין וואַלד אין שטומען.
ווייט־ווייט אין וואַלד... איך האָב פון דאָרט
אַ שווייגען מיטגענומען.

און ווען איך באַגעגען דאָרט,
וועל איך אייך נישט דערציילען:
איך וועל מיין טרוים נישט אויסזאָגען,
דער וואַלד האָט מיר באַפוילען.

דאָרט שטייט אַ הויז פון ווייסען צווייג,
דאָרט לעבט אַ ווייסער שד.
ער פירט אַהער און פירט אַהין...
נאָר, שאַ! נישט רעד, נישט רעד.

אָט איז ער דאָ, באַלד ווערט ער אויס...
איך בלייב אַליין אין שווייגען,
נאָר עמיץ שאָרכט און עמיץ שיט
מיט זילבער פון די צווייגען.

# בילדער

## אין די צפון-וועלדער.

כ'האָב אין די וועלדער פון צפון באַגעגענט
אַ מאַן מיט אַ קאָזענעם בערדעל.
וואָס האָט מיט אַ רידעל געגראָבען די ערד,
געפּאָכט מיט אַ קינדערשען שווערדעל.

אַ בלייכער באַגינען איז דעמאָלט געווען,
דער וואַלד האָט געשוויגען — דער זקן.
דער מאַן האָט די טריט מיינע שוואַכע דערהערט
און, קענטיג, ער האָט זיך דערשראָקען.

אַ שרעקיגער שמייכעל לויפט דורך זיין געזיכט,
ער נעמט זיך אַנטלויפען אַלץ טיפער.
געלאָזען פאַר מיר אַ צעגראָבענע הייל
מיט צייכענס, אין זאַמד, און מיט ציפער.

דאַן בין איך געשטאַנען אַ צייט ביי דער גרוב,
קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, געלעזען,
געקלערט און געטראַכט, זיך אליין אויסגעלאַכט...
עס איז גאָרנישט געוועזען.

## אַ פֿאַרשפּעטיגטער פֿרילינג.

ס'האָט יעדער מענש געהאַט זיין פֿרייד
און זיך מיט איר געזעטיגט.
איך האָב געליטען שטילערהייט:
דער פֿרילינג האָט פֿאַרשפּעטיגט.

עס איז געוועזן שוין אָנהייב מאַי —
די זון איז נישט געקומען.
עס האָט די קעלט געשמידט ווי בליי
די האַלב-פֿאַרמאַכטע בלומען.

איך האָב געוואוסט: עס קומט די שעה
צו בענשען און צו ליבען;
נאָר ביז געשריגען האָט די קראָ
און יאוש אָנגעטריבען.

עס גייען אַלטע שוואַכע לייט
פֿון אויוועז נישט אַרונטער.
צי דען האָב איך עס פֿאַר דער צייט
גענומען זינגען מונטער?

דער טייך איז לאַנג אַריין אין ברעג,
די שוואַרצע פֿעלדער וואַרטען.
איך האָב געפֿונען אויף מיין וועג
אַ צווייגעל אַ פֿאַרדאַרטען.

דער בושעל וויגט זיך אויף איין פוס
אין גרינעם זומפּ, אין דרימעל.
נישטאָ פון וואַלד קיין פויגעל־גרוס,
נישטאָ קיין שטראַל פון הימעל.

ווי אָרעם בין איך דאַן געווען,
ווי איינזאַם־אָנגעשראָקען,
ווי דער, וואָס האָט זיין סוף דערזען —
צו אָפּגעלעבטער זקן.

## שוואנען

עס ציטערט די לופט אויף די צווייגען,
עס שפּיגעלט דאָס וואַסער, ווי גלאָז:
דעם קעניג איז טייער דאָס שווייגען,
עס פאָלגען אים בלעטער און גראָז.

אין שאָטען פון דעמב און קאַשטאַנען
דערגייט נישט דער טומעל פון לאַנד,
דער קעניג אַליין שפּייזט די שוואַנען,
דער קעניג אַליין פון זיין האַנט.

פון אַלע געניסען אין לעבען,
וואָס זענען דעם מענשען באַשערט,
האָט גאָט אים איין גורל געגעבען,
צו ליבען די שיינקייט אויף דר'ערד.

עס שפּריצען אָן רויש די פאָנטאַנען...
ער האָט נישט קיין פריינט אין זיין לאַנד.
דער קעניג אַליין שפּייזט די שוואַנען,
דער קעניג אַליין פון זיין האַנט.

## דער אלטער דעמב.

דער אַלטער דעמב שטייט שטום און הײַסט
אײַן אומעטיגען פעלד.
זיין גאַנצע צירונג ליגט אויף דר׳ערד
און וועלקט פון ווינט און קעלט

די קראָען רוען אויפ׳ן בוים
און קראַקען איבער מיר.
אַך, איצטער איז דאָס פעלד מיר נאָנט
אין איינזאַמען שפּאַציר.

נאָר דעמאָלט, ווען דער שניטער האָט
געאַרבעט מיט געזאַנג,
אַך, דעמאָלט איז מיר פרעמד געווען
די פרייד פון פולער זאַנג.

איצט שרייט די קראָ, איצט לאַכט דער ווינט
און ס׳טאַנצט אַ וויסטע שטרוי.
מיר זענען פריינט, דו, בייזער הערבסט,
מיר זענען ברידער צוויי...

## פלייש.

אַ גרויסער וואָגען אָנגעלאָדען,
אָנגעלאָדען איבערפול.
לונגען־לעבערס אָנגעבלאָזען
הענגען טויט אַראָפּ פון פור.

ביי דעם גראָבען בעל־עגלה
זענען רויט די הענט פון בלוט.
רויט די לייצען, די אָגלאָבליעס
און די רעדער זענען רויט.

ס'לויפט די בלוטיגע עגלה
און באַשפּריצט די שטיינער רויט —
אויף דעם גרויען וועג פון לעבען
אַ קאָשמאַר פון בלוט און פלייש.

דראָשקעס איילען, אויטאָמאָבען,
איבדערמיט די רויטע קאָטש.
גאָרגלען, צונגען, לונגען־לעבערס
רויטע, טויטע שטיקער פלייש...

## א י ד י ל י ע

אויף די זאַנגען רייט אַ ווינטעל,
בייגט זיי איין און גלייכט זיי אויס:
בלויז די בלויע בלומען־קעפּלעך
שפּרינגען שטיפעריש אַרויס.
אויף די גרינע לאָנקעס שיינען
ווייסע פלעקען נאָנט און ווייט —
סטאַיעס גענז און ווייסע שעפּסען,
קינדער רוען ביי דער זייט.

איבער אַלץ — די זון אין הימעל,
גאָטס געזאַלבטער זילבער־קאָפּ,
קוקט אַראָפּ און לאַכט מיט שטראַלען:
רוט זיך קינדער, רוט זיך אָפּ.

# די גלאָקען.

נאָכאַנאַנד קלינגען די גלאָקען,
היינט איז יום־טוב, און מאָסקעווע רוט.
נאָר מיין הארץ איז פון וואָס אָנגעשראָקען —
אין דער פרעמד, אין דער פרעמד איז נישט גוט.

געדאַנקען צעפליען, ווי טויבען,
פון יעטוועדער הילכיגען קלונג,
כ׳צעוואַרעם די פראָסט אויף די שויבען
און כ׳קוק אויף דעם גאָלדענעם רונג.

אויף גאָלדענע צלמים, וואָס גלאַנצען,
אויף שניי־ווייסע דעכער אַרום,
אויף גלאָקען, וואָס גלאָנגלען און טאַנצען:
דאָ הילכיג, דאָ לאַנגזאַם און פרום.

מיין פענסטער האָט ווידער פאַרצויגען
די פראָסט, און מיין זעעלע פאַרקלעמט,
עס בלאָנקען אַרום מיינע אויגען
און זוכען אַ טרייסט אין דער פרעמד...

## אויף „ארבאט" אין מאָסקווע.

ווייסע, איינשטאָקיגע הייזער
מיט דרימלענדע לייבען ביים טיר.
און אלטינקע פריצה אין שווארצען
מאַכט לאנגזאמע טריט אין שפּאציר.

זי גייט און זי רעדט צו איר הינטעל,
און רעדט צו דער איינזאמער גאַס:
„באַשערט מיר די טעג צו דערלעבען
אין צייטען פון ביטערען האַס".

## יעדן טאָג געזאַנגען.

יעדן טאָג געזאַנגען פרייע
אָ, דער זיג איז שטאַרק און גרויס!
יעדן מאָרגען אַ לויה...
אָ, דער זיג איז שטאַרק און גרויס!

לעבן וועט מען איצטער בעסער.
אָ, דער זיג איז שטאַרק און גרויס!
דער בית־עולם ווערט אַלץ גרעסער...
אָ, דער זיג איז שטאַרק און גרויס!...

# פאָנען און טרומנעס.

שוואַרצע טרומנעס אויף די גאַסען,
פאָנען פלאַטערן העל־רויט:
ס׳שפּרייזט די פרייהייט שטום־געלאַסען
אומגעצאַרעמט מיט׳ן טויט.

אויף די פאָנען שטאָלצע ווערטער,
גאָלד און זילבער אויסגענייט:
אַלע לייענען די ווערטער,
נאָר זיי לייענט נישט דער טויט.

אויגען פיל מיט האַס און שטרעבען,
צו נקמה ווידער גרייט...
איילען שטענדיג — איילט דאָס לעבען,
נאָר געלאַסען שפּרייזט דער טויט.

פון די פענסטער און באַלקאָנען
פאַלען זיפצען שטילערהייט...
פלאַטערט, פלאַטערט רויטע פאָנען!
העל באַלייכט דעם וועג פון טויט...

## אין די רויטע טעג.

רויטע כטענגעס, רויטע פאָנען,
פריילין־מונטערע געזיכטער.
ס'מעגען פאַלען טויזענט טראָנען —
איך בין היינט כמעט ווי ניכטער.

כ'האָב היינט אויפגעזוכט א ביכעל
פון א מאָל... פעטראַרקעס קלאַנגען,
און באַזאַכט א שלום־טיכעל
אויף מיין טויער אויפגעהאַנגען.

די, וואָס האָבען מאַכט פאַרלאָרען,
די, וואָס האָבען מאַכט באַקומען, —
נישט עס ברענט אויף זיי מיין צאָרען,
נישט איך שענק זיי מיינע בלומען.

די נאַטור איז גלייכגעוויכטיג:
אויף די דעכער, אויף די גאַסען
פאַלט א שניייעלע ווייס־ליכטיג,
אַלץ איז רויג און געלאַסען.

## עס שלאָפט די קאָמונע.

עס שלאָפט די קאָמונע אין חשך באַגאָסען...
נאָר איינציגע שאָסען, נאָר איינציגע שאָסען.
זיי שרעקע נישט קיינעם, זיי וועקען נישט קיינעם —
די טויערען זענען ווי קברים פאַרשלאָסען.

ווער וועט איצט דערציילען דעם פיין פון מיליאָנען,
נאָר איינציגע שטיקער צעריסענע פאָנען...
זיי רופען נישט קיינעם, זיי פרייען נישט קיינעם, —
אַ וויסטעניש יאָגט פון די שוואַרצע באַלקאָנען.

## אין דער קאַמונע.

די שטאָט איז קראַנק און אויסגעליטען
פון הונגער און פון האַסען.
עס שטאַרבען קינדער פאַר דער צייט
און ווייַ איז, ווייַ די אַלטע לייט...
די שטאָט איז קראַנק און אויסגעליטען
פון הונגער און פון האַסען,
און דאָך פאַרקויפט מען בלומען נאָך
אויף אַלע גאַסען.

דער יאוש לאָזט זיך נישט געניאַרען,
דאָ לעבט מען צווישען צוויי געפאַרען:
פון הונגער-טויט, צי פון אַ קויל...
פון הונגער טויט, צי פון אַ קויל...
און דאָך, די יוגענט לעבט און פילט,
מ'טאַנצט און אַ גאַרמאָשקע שפּילט
פאַרנאַכט אויף די בולוואַרען.

די קראַנקע שטאָט איז אָנגעשראָקען:
דער פחד קוקט פון די צעקלאַפּטע שויבען
און פון די ווילד-צעקריצטע דראָטען,
די מורא קוקט פון יעדער שאָטען...

נאָר אָט בײַם זעליגען וואַסילן!
דאָרט שטייט אַ פּרוי און שפּײַזט די טויבען
און צלמ'ט זיך בײַם קלינגען פון די גלאָקען...

## אַ צעשמעטערטער שפּיגעל.

אַ קויל האָט דעם שפּיגעל צעשמעטערט אינגאַנצען,
די גלעזערנע שערבלעך צעשפּרינגען און גלאַנצען.
און לאַכען מיט אייז-קעלט מיר גלייך אין די אויגען...
איך וויל זיך באַהאַלטען, פאַרמאַכען די אויגען,

אַ שטומער געלעכטער רינגעלט געלאַסען,
פון יעטוועדען ווינקעל אַ בייזע גרימאַסע,
אַ ליפּ אַ פאַרקרימטע מיט טאָפּעלטע ציינער:
איך בין אין אַ סך דאָ, איך בין דאָ נישט איינער.

דער טונקעלער טעפּיך איז גלאַנציג באַשאָטען,
אָט האָב איך מיין אייגען געזיכט דאָ צעטראָטען...
דאָס גלאָז האָט אַ קריץ מיין נשמה געגעבען,
אַזוי ווי אַ חלף, וואָס קוילעט אַ לעבען.

# ט ציִגײנער.

געריִטען איִז וויִלד אַ ציִגײנער
דורך גערטנער — געבראָכען דיִ שטאַנגען,
דורך פעלדער — געטראָטען דיִ זאַנגען,
געריִטען איִז וויִלד אַ ציִגײנער,

אַזוֹי וויִ אַ שטוּרעם געפלויגען.
דיִ אויגען דיִ גרויסע צעשראָקען,
צעפלאַטערט דיִ נאַכט-שוואַרצע לאָקען —
אַזוֹי וויִ אַ שטוּרעם געפלויגען.

געפרעגט האָט איִם ווער פון דיִ פעלדער:
וואוּ לויפסטוּ, ציִגײנער, באַגיִנען?
וואוּ פליִסטוּ, ציִגײנער, אָן זיִנען?
געפרעגט האָט איִם ווער פון דיִ פעלדער.

„האָפּ, האָפּ!" שרײט זיִך אָפּ דער ציִגײנער
און פליִט, וויִ אַ שד אַ פאַרשײטער:
אָט דאָס פערד, וואָס עס טראָגט מיִך אַלץ ווײטער...
„האָפּ, האָפּ," אָט דער פערד איִז ניִשט מײנער"

# אין מאלאראסיע.

עס ציט זיך דאס טייכעל אין בלויע זיגזאגען,
אין ווערבעס פארשלייערט, אין וואוקסיגע גראזען
און לאכט מיט א יונגען בראשית-געלעכטער.

דער ווינט האט א ביסעלע שטויב אנגעבלאזען
פון ליליעס, וואס וואקסען דא נאנט ביי די ברעגען,
און עטליכע פאליעס די בעקלעך פארפודערט,

זיי לויפען און לאכען דער ווייטקייט אנטקעגען
און טראגען אוועק אויף די זילבערנע אקסלען
דעם אפגלאנץ פון הימעל און שאטענס פון וועלדער.

## אין מאלאראסיע.

עס האט זיך דאס דערפעל צעזונגען,
פון אלע פיר זייטען צעזונגען:
„אי, גריציא!"
די קאנסט דערביי שלעפעריג ווערען
און שלאפענדיג, דרימלענדיג הערען:
„אי, דונאי!"
עס העלפען אויף אונטער די זשאבעס
און פלאפלען, ווי ציינלאזע באבעס,
און קוואקען.
די באסיגע בינען, די גרילען
זיי זוכען זיך טענער צום שפילען
און זשומען. —
א גאנז נעמט וואו שרייען צעשראקען,
א טאפאל צערוישט זיך א זקן —
א טאפאל
און אלע צוזאמען אינאיינעם,
די גוטע לאנג-יעריגע שכנים:
„אי, גריציא!"
די קאנסט דערביי שלעפעריג ווערען
און שלאפענדיג, דרימלענדיג הערען:
„אי, דוניא!"

## בײַ דער הײַסעל.

אַזוי, ווי אַן עלענדע כּלה,
וואָס וואַרט אויפ'ן חתן פֿיל טעג,
אַזוי ווערט דאָס וואַסער פֿאַרטרויערט
פֿאַרנאַכט, ווען די זון גייט אַוועק.

מיר איז שוין בעקאַנט אַזאַ טרויער,
עס האָט מיר מיין שוועסטער פֿאַרציילט.
ביז וואַנען עס קומט נישט דער ליבסטער,
ביז דאַן ווערט דאָס האַרץ נישט פֿאַרהיילט.

איך ווייס אים צו גוט, אָט דעם טרויער
פֿון דעם, וועלכער וואונדערט אַליין...
דערפֿאַר איז מיר ליב דאָ צו זיצען
ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף אַ שטיין.

## בײם ניעמאַן.

בײנאַכט װען דאָס שטעטעל שלאָפֿט־אײן,
שטײ איך אײנער בײם טײך, װי אַ שומר
איך קוק אין דעם װאַסער אַרײן,
װי ס'שפּיגלען זיך אונטען די בײמער.

נאָר פּלוצלונג דערהערט זיך אַ ליד
און אַ פֿײערעל צאַנקט פֿון דערװײטען:
די פֿויערים ציִען אַ פּליט
מיט אַ ליד פֿון אַמאָליגע צײטען.

מיר װערט אַזוי אומעטיג דאַן
פֿון דער שטילער מעלאָדיע, דער מידער.
אַ, גאָט פֿון די װעלדער, אַ פּאַן!
דאָס בעדױערט מען דיך אין די לידער.

דער פּליט שװימט אַװעק, שװימט אַװעק.
װי אַ שװאַרצע פֿאַרצױגענע מיטה.
דאָס פֿײערעל ציִהט זיך צום ברעג
און זעגענט זיך אָפּ מיט דער ליטא...

# גרויע שינעלען.

נאָך טונקעל, גאָר לאַנגזאַם, דער טאָג נעמט זיך העלען,
מיר שפּרייזען אַ מחנה אין גרויע שינעלען,
די ערד ליגט געפּרוירען, געשמידט, ווי אין אייזען —
„נאַפּראַווא, נאַליעוואָ" אין ריטמישען שפּרייזען —
— „מאַרש!"

אַ פּאָניע פון פּענזע, — מיר זענען דאָ שכנים,
אַ טאָטער, אַ יידעל... מיר שפּרייזען אינאיינעם;
מיר אַלע דרעסירט פון איינאיינציגער מורא,
מיר האָבען איין חומש, מיר לערנען איין תורה —
— „סטאָי!"

די ערד גיט אַ קרעכץ, אַ צעשראָקענער עכאָ,
דער „זוואָדנע" דערלאַנגט אַ פּאָר קללות אונז פרעכע
ער גלאָצט מיט די אויגען און שרייט ווי אַ חיה:
איך וועל פון אייך מאַכען דאָ היינט אַ לויה:
„לויף!"

די הענט אויפ'ן האַרצען, דעם אָטעם פאַרהאַלטען,
מיר לויפען און שלינגען דעם פראָסט אין דעם קאַלטען:
עס ווערט אַזוי הייס אין די שווערע שינעלען,
מען ווערט אַזוי טעמפּ פון דעם שרעקליכען קנעלען —
„פּאַל!"

מיר ליגען אויף דר'ערד און דער שניי קריכט אין אָרעם,
אין קני איז שוין פייכט, נאָר די שווייג, ווי אַ וואָרעם,
און שילט נישט דעם ווייכען געלעגער דעם נאסען:
„דער זוואָדני" פאַררויכערט מאַכאָרקע געלאסען —
„ווסטאַן!"

מיר גיבען אַ שפרונג און צוריק אין „שערענגע"
און ווידער די קללות, די פרעכע, די שטרענגע;
מיר שפרייזען, מיר שפרייזען, ביז נאַכט וועט זיך שטע-
לען,
מיר שפרייזען אַ מחנה אין גרויע שינעלען —
— „מאַרש".

# קײן װאָלאָגדע.

דורך קלײנע בערגלעך לױפט
דער צוג צעמישט אינגאַנצען.
עס טאַנצען װעלדער־פעלדער
און װײסע שטעטלעך טאַנצען.

װײסע גרױסע קלױסטערס
מיט פײנעף רונדע שפּיצען.
אַ צלם נאָך אַ צלם,
אַ לאַנד פון גאָלדנע בליצען...

עד, רוסלאַנדס ברײטער אָטעם
דו מונטערסט מיך ביז טרערען.
װען מענשען װערען פרעמד מיר
װעל איך דאַן גײן אױף בערען.

194[illegible]

# קעפּלעך

## די שטיפעריין.

ניט אײנס, ניט צװײ, ניט דרײ, ניט פיר,
ניט פינף, ניט זעקס, ניט זיבען...
און אלע טאנצען ארום מיר
און אלע װילען ליבען.

דעם זאג איך צו און יענעם אויך,
איך שמײכעל צו דעם דריטען,
און דער װערט רויט, און יענער בלײך —
איך טאנץ אין ראד אינמיטען.

דער שטילסטער זאגט: „דו ביזט די זון,
די ייִנגלעך זענען שטערען"
איך לאך זיך אויס, איך לאך דערפון,
איך לאך כמעט ביז טרערען.

דער שענסטער רופט בײנאכט אין סאד,
ער ברענגט פון דארטען בלומען...
איך זאג אויס אלעמען דעם סוד,
איך בעט זײ אלע קומען...

## פערעל

### א.

אויף דיין סאמעט־שוואַרצען קלייד
האָט זיך רויג אויסגעלייגט
אזא דיִנע פערעל־קייט.

האָסט זיך ברוגז'דיִג פאַרטראַכט
און די אויגען האַלב פאַרמאַכט.

ריר איך דיינע פערעל אָן
אויף דיין סאמעט־שוואַרצען קלייד,
רוף איך דיך ביים נאָמען אָן
אומעטיִג און ווייך —
שווייגסטו; דיינע פערל שווייגען אויך.

טו איך וואָס מיין האַרץ באַפעלט:
קוש איך דיינע פערעל,
שפריִנגסטו, ווי א קעצעל אויף —
שפריִנגען דיינע פערעל.

צעשיִטען זיך, צעשפרינגען זיך
הונדערט גריִנע אייגעלעך,
ריינע און אומשולדיִגע,
פרום, ווי דו אליין...

ב.

ביי דער באָבעשי אין חדר
שטייט א טונקעלע קאָמאָד,
ליגען דאָרטען אַלטע קליידער
און א שאַכטעלע... אך, ליידער,
בלייבט דאָס שאַכטעלע א סוד.

פרעגען נייגעריג די קינדער,
וואָס זי האַלט דאָרט אין קאָמאָד,
ווערט די באָבעשי נישט לינדער,
און זי איילט צו זיך געשווינדער,
צום אלטמאָדישען קאָמאָד.

ווען זי בלייבט אליין בעזונדער,
שטייט זי דעמאָלט ביים קאָמאָד
ביי א שאַכטעלע א רונדער
און זי קוקט, זי קוקט מיט וואונדער,
מיט א זיפצעניש צו גאָט.

אירע פערעל... גאָט דו ליבער,
ווי זיי לייכטען אין קאָמאָד.
און די יאָרען... גאָט, דו ליבער!
ווי זיי גייען גיך אַריבער...
אָי, די יאָרען... אָי, א שאָדו!...

ג.

אָי, בין איך מקנא דיין שנירעלע פּערעל,
וואָס ליגט אזוי רויג ביי דיר אויפ'ן האַלז,
ווי וואָלט איך צעקושען די צערטליכע פינגער,
וואָס רירען דעם שנירעלע אָן...

דו שוועבסט דאָ אַרום אין די שטילע חדרים
צווישען אַלטפֿאָרדישע שאַפּעס מיט ספרים,
אַזוי ווי די שכינה פון אַלטע נגונים,
פון אַלטע פאַרגעסענע בילדער.

פון וואַנט קוקט אַראָפּ דיין פאַרשטאָרבענע באָבע
מיט פּערעל באַהאַנגען... דיין שנירעלע פּערעל,
מיט אויגען, וואָס שטראַפען און בענשען אינאיינעם,
מיט פרומקייט פון דורות...

איך האָב נישט קיין דרייסט
און איך האָב נישט קיין העזה,
א זינדיגען וואָרט דיר צו זאָגען,
א זינדיגען בליק דיר צו וואַרפען.

## צו דער קליינער.

וואָס האָסטו זיך, קליינע, דערשראָקען,
ווען איך בין דאָ פּלוצלונג אַריין?
קעם ווייטער, קרייז ווידער די לאָקען
און פּודער די בעקעלעך איין.

אַ פייגעלע פּעדערט זיין פליגעל
אַ קעצעלע צוואָגט זיך אַליין.
קיין עולה נישט, קינד, שטיי ביים שפּיגעל!
קיין זינד, ווען אַ פרוי וויל זיין שיין.

אַזוי איז געוועזען פּאַרצייטען,
אַזוי וועט שוין אייביג זיין, לאַנג,
נישט שעם זיך! איך שטיי דאָ ביים שפּיגעל.
איך זוך דאָ אַ ביכעל אין שאַנק.

## דו שטייסט פאַר מיר

דו שטייסט פאַר מיר... די שוואַרצע אויגען גלאַנצען,
דיין אַקסעל בייגט זיך לייכט... ביזט שלאַנק,
ביזט גרייט אַ שפרונג צו טאָן, אַרומנעמען און טאַנצען
און טראָגען זיך, ווער ווייס ווי לאַנג.

ניין, גיי נישט צו... איך וויל דיך אָנקוקען און ליבען,
איך וויל אַ וואָרט געפינען, ווי אַ תפילה ריין.
פון וועלכען דור איז דיר דיין מוטיגקייט געבליבען?
פון וויפיל דורות ירשנ'סט דו דיין חן?

איך זוך אַ וואָרט פאַר דיר, אַ פרייד-געשריי פאַרביידען...
דאָ זיגערין! איך פריי זיך מיט דיין זיג.
ביזט גרייט אַ שפרונג צו טאָן... און שווייגסט אַזוי באַ-
שיידען,
און לאָזט אַראָפּ דיין פלאַמענדיגען בליק.

קומסט אָן אַ בלום — דערציילסט פון גערטנער, זאַנגען,
קומסט אָן אַ האַרף און שפּילסט דאָס שענסטע ליד...
צוויי ווייסע הענט, ווי צוויי דרעסירטע שלאַנגען,
צוויי ווייסע קייטען האָלטען מיך געשמידט.

## א יידישע סערענאדע.

אויב דו ווילסט, איך זאָל מיין רו אומזיסט נישט זוכען,
דאַן קום צום פענסטער צו און הער מיך אויס.
אויב דו ווילסט, איך זאָל די שיינע נאַכט נישט פלוכען
דאַן זיי נישט קאַרג אויף גליק און קום אַרויס.

איך וועל קיין בלומען־קראַנץ דיר, ליבסטע, נישט דער־
לאַנגען,
דער גאָרטען איז פאַרצוימט פאַר אונז, פאַרמאַכט.
מיר גייען ביי דעם פלויט און קוקען דורך די שטאַנגען,
מיר גנבענען די צוויבער־לופט ביינאַכט.

איך וועל קיין האַרפען־ליד פאַר דיר מיט שטאָלץ נישט
שפּילען, —
דער וואַנדער־שטאָק האָט צוגעשמידט מיין האַנט.
אַ נס, מיין פריינד! איך קאָן נאָך בענקען, פילען
און דורשטען נאָך דעם גליק, וואָס מיר איז אומבאַקאַנט.

די נאַכט פאַרגייט געשווינדער פאַר מיין ליידען,
דער טאָג זאָגט ווייניג פרייד מיר צו פאָרויס.
אָך, אויב דו ווילסט דער ספק זאָל מיך מיידען,
דאַן זיי נישט קאַרג אויף גליק און קום אַרויס.

## א פּויליש מיידעל.

אַ פּויליש מיידעל מיט ליכטיגע האָר,
האָט פיינט אַלע יידען און האַסט זיי ביז גאָר,
נאָר איך בין אן אויסנאַם, איך ווייס נישט פאַרוואָס, —
איך ווייס נישט... איך האָב אַזאַ יידישע נאָז.

און קום איך צוגיין פון דער רוישענדער גאַס,
צעקוש איך די ליפען, וואָס רעדען פון האַס...
און ס׳דויערט נישט לאַנג, נישט קיין סך —
בלויז ליבע קלינגט אָפּ אין איר שפּראַך.

און דאָרט, ווען דאָס צלמ׳ל ליגט אויף איר ברוסט,
צעשפּילט זיך אַ האַרץ מיט פאַרלאַנגען און לוסט...
מירביידע פאַרגעסען, וואָס ווען גענעלט
און שנאה און קנאה און צלן אויף דער וועלט.

## עס האָט מיר געחלומ'ט...

עס האָט אין אַ רולאָזער נאַכט מיר געהלומ'ט
איך טראָג דיר מיין קאָפּ אויף אַ טאַס.
איך גיי דיר אַנטקעגען, דו רוקסט זיך צוריק
צעשראָקען און בלאַס,

מיט לאַנגזאַמע שפּרייזען... איך גיי דיר אַנטקעגען,
מיט וואַקליגע טריט.
אַנטלויף נישט, איך וויל מיין מתּנה דיר געבען...
איך בין אַזוי מיד.

איך האָב אַזוי לאַנג מיט מיין פּלאַם זיך געראַנגעלט,
ער האָט מיך פאַרברענט,
און אָט איז פון קרבן דער קאָפּ בלויז געבליבען.
באַהאַלט נישט די הענט.

באַהאַלט נישט פון שרעק, דיינע הענט, דיינע צאַרטע,
און שטויס מיך נישט אָפּ!
צום לעצטען, צום פלאַמיגסטען מאָל נעם אַרומע,
מיין זינדיגען קאָפּ.

# כ׳האָב געבענקט.

כ׳האָב געבענקט, באַפליגעלט אוי פאַרבאָרגען,
מיט צער געוואַרט דעם גאָט־געזאַלבטען מאָרגען.
כ׳האָב געבענקט.
און איצט ביים פריילינכען באַגריסען,
איצט וויל איך אָפענהאַרציג וויסען,
צי דו האָסט אויך אַזוי געבענקט.

צי דו האָסט אויך אַזוי אַזן זיך געשוויגען
און אונזער ליד אין אונזער טריי־געליבטען ניגון
געזונגען שטיל־פאַרבענקט.
אַך, איצטער ווען איך זע דיך און באַגעגען,
מיט צערטליכקייט, מיט פחד וויל איך פרעגען,
צי דו האָסט אויך אַזוי געבענקט!

ביי־טאָג האָב איך אין רויש דיין קול געפאַנגען,
ביינאַכט בין איך אין שאָטענס שפעט געגאַנגען,
מיין טראַכטען דיר געשענקט.
נאָר איצטער ביי די ערשטע טרייע ווערטער,
וויל איך הערען דיינע צאַרטע ווערטער:
צי דו האָסט אויך אַזוי געבענקט...

# די גרינע ארבעסלעך.

די גרינע ארבעסלעך זען אויס די יונגע פרישע
קנאָספּען,
די גרינע שטראַלען לייכטען זיך אויף דר'ערד די
קליינע גראָזען,
און אלעס ציט צו מיר, צו מיר, צו מיין נשמה,
און איך? איך שיק עס אָפּ צו דיר אין מיינע לידער.

א האלבע שעה האָט זומערדיג און וואַרעם היינט
גערעגענט,
א ווינטעל האָט געוויגט אויף רעכטס און לינקס די
ביימער:
איך האָב א וואָרט אין ווינטעל און אין רעגענדעל
געוואָרפען
דיין נאָמען זאָל אויף פעלדער ווייטע-נאָנטע בליען.

## „דיין נאָמען".

זאָל גאָרנישט בלייבען,
זאָל אונטערגיין די וועלט,
זאָל מער נישט זיין קיין זון,
קיין בלום, קיין שניי, קיין טוי...

קיין מלחמה־רוף זאָל מער נישט הילכען,
קיין פרייד־געשריי,
קיין ליד, קיין שופר־בלאָז
זאָל מער אין וואַלד נישט שאַלען.

טויטער בוים אויף טויטען בוים,
שטיין אויף שטיין זאָל ליגען,
ים זאָל דוישען טאָג און נאַכט
מיט גיהנם־רויש.

ווינטען זאָלען שליידערן די ערד,
און קנייטשען
ווייטע גרויסע הימלען,
פלאַמען זאָלען העלישע וויד טראָגען
פלאַמען גרויס, ווי טאָג און נאַכט,
וואָס איינער זאָל אין צווייטען זיך פאַרציקען
און קיינער זאָל דעם כאַאָס
מער נישט זען.

און קיינער זאָל דעם כאָאָס
מער נישט אָנקוקען...

נאָר אין דער נאַכט און אין דעם טאָג,
אין וויסטעניש, אין פינסטערניש פון טויט,
זאָל זיך אַרומטראָגען אַ גלגול און אַ וואָלקען:
מיין אויסגעבענקטעס הארץ.

און מורמלען זאָל דער וואָלקען
אויף אומבעקאַנטען לשון:
איין וואָרט, איין קלאַנג און איין געבעט:
„דיין נאָמען"...

## אין שפּאַציר.

איך וואָלט מיט אייך אַזוי געגאַנגען,
ביז פאַרטאָג מיט אייך געגאַנגען,
ביז די זון וועט אין איר גאָלד-נעץ
אונזער ווייטען חלום פאַנגען.

שטיל... מיר שפּרייזען צו איין שאָטען
אויף די פריש-באַטויטע וועגען
צו איר ליבט מיך? צו איר ליבט נישט...
שטראָף מיך גאָט, אויב איך וועל פרעגען.

שטיל... מיר וועלען שווייגען, שווייגען,
ביז עס צאַנקט דער לעצטער שטערען:
אפשר וועלען זיך צוויי הערצער
אין דעם שווייגעניש דערהערען...

כ'וואָלט מיט אייך אַזוי געגאַנגען,
ביז עק וועלט מיט אייך געגאַנגען...

## עפענסט מיט מורא דיין הארץ.

עפענסט מיט מורא דיין הארץ,
עפענסט מיט מורא דיין טיר;
שרעקעדיג בין איך אליין —
האב נישט קיין מורא פאר מיר.

טאמער גענארט מען מיך ביין,
טאמער גענאר איך אליין...
עפען דיין טיר און דיין הארץ —
לאמיר זיך ביידע פארשטיין.

## מײן עכאָ.

ניִשט די ערשטע, קאָנסטו דאָך מײן לעצטע זײן,
קאָנסטו דאָך מײן לעצטע זײן.

כ׳רוף דיִך לאַנג איִן װאַלד פון לעבען,
קאָנסטו דאָך מײן עכאָ זײן,
מײן עכאָ זײן.

כ׳זוך דיִך לאַנג אויף אַלע װעגען,
קאָנסטו מײן געזוכטע זײן,
מײן געזוכטע זײן.

כ׳בין געגאַרט פון אַלעמען,
קאָנסטו דאָך מײן טרײע זײן,
מײן טרײע זײן...

## נעכטען אָוונט.

נעכטען אָוונט ביזטו שטום אַוועקגעגאַנגען,
נעכטען אָוונט האָב איך לאַנג פון דיר געקלערט.
נישט פאַרשטאַנען האָב איך דיין פאַרלאַנגען
און דיין שייד־וואָרט נישט דערהערט.

כ'האָב מיין לעמפעל העלער אָנגעצונדען,
אַז דיין בלייכקייט זאָל נישט שימערען פאַר מיר,
נעכטען אָוונט איז דיין שאָטען נישט פאַרשוואונדען
און געשאָרכט האָט עמיצער ביים טיר.

כ'האָב געשטראָפט זיך און פאַרטיידיגט,
זיך געפּלאָגט אַ גאַנצע שווערע נאַכט:
טאָמער האָב איך דיך, מיין טייערע, באַליידיגט
און פון גליק מיין אייגענעם געלאַכט...

נאָר קומען וועל איך האַרציג איבערבעטען
און טרייסט דיר ברענגען, האָפענונג און מוט,
נעכטען אָוונט האָב איך לאַנג פאַר דיר געבעטען
און עס גלויבט זיך היינט, ס'וועט אַלעס ווערען גוט.

## ווילסט בלומען?

ווילסט בלומען? איך ברענג דיר, מיין קינד, איך דערפיל...
נאָר פרעג נישט ביי מיר, וואו איך נעם אזוי פיל,
אַ פרעג נישט... דו דאַרפסט גאָרנישט וויסען דערפון,—
כ׳וועל גנבע׳נען צירונג פאַר דיר ביי דער זון.

איך לייד... נאָר דערפאַר וועל איך זינגען אַ סך.
און זיי נאָר צופרידען און שפיל זיך און לאַך...
עס טרייסט מיך דיין פרייד און עס טוט מיר נישט
באַנג...
כאָטש ס׳קאָסט מיך גאַנץ טייער דיין קלענסטער
פאַרלאַנג.

# איך געדענק א נאכט.

כ׳געדענק א נאכט... דאָס בעט א ווייס און הייסע בלומען,
דיין קלייד א לייכטס און לייכטע גאזעל־טריט.
א שטילע פרייד און ווערטער שטילע, פרומע...
א הייליג זינד, וואָס גאָט אליין איז מוחל,
א ברוגז־בליק, א קורצער כעס, א שמייכעל...
און ווידער זיך אין קושען־פלאַם פארשמידט.
און יונג דאָס גליק און ריין דער גייסט,
און ס׳קלאַפּט דאָס הארץ פון צופיל דרייסט.

כ׳געדענק א נאכט... דיין לאָקען־קרוין,
די ווייסע קינדער־ציין
דיין האַנט, וואָס פאַלט ארונטער מיד...
העב זיך, וועב זיך, ליד!

## [illegible]קעפל.

די אויגען צוויי עלענדע טויבען,
וואס האבען פארבלאנזשעט איז וועג:
אט פאלען זיי צו צו די שויבען,
אט פליען זיי האסטיג אוועק.

די ליפען, זיי שווייגען פיל שעה'ן
אזוי ווי א קינד, וואס איז קראנק.
אט ווילען זיי עפעס פארטרויען,
אט לויפט שוין אוועק דער געדאנק...

# אין דער פינסטער.

## אין דער פינסטער.

אין דער פינסטער זע איך בעסער מיין נשמה,
אינ׳ם חושך פון דער נאַכט.
ווי אַ שטיינדעל אויסגעשליפען,
האַלט איך דעמאָלט מיין נשמה אין דער האַנט. —
איך באַטראַכט עס,
ווען פאַרבלוטיגט
בליצט עס דעמאָלט ווי אַ טייערער רובין...
מיין נשמה,
מיינס אַ טראָפּען בלוט...
דורכגעלייטערט,
אויסגעליטען.
און עס טרעפט אַמאָל, איז חושך
נעמט עס לייכטען, ווארפען פונקען —
אַ פילקאַנטיגער בריליאַנט,
מיין נשמה,
מיינס אַ טרער פון לאַנגען שווייגען,
פון מיין לאַנגען שווייגען בלויז איין טרער...

## וויפיל פאַרבען?

וויפיל פאַרבען האָט דער הימעל,
ווען די זון פאַרגייט,
ווען עס שטאַרבט אַ טאָג... מקנא
בין איך אַזאַ טויט.

איך האָב אויך געהאַט פאַרלאַנגען,
פלאַמעדיגע זון!
ווער באַדויערט זייער שטאַרבען
און ווער ווייס דערפון?

פאַרביג-בונטער רעגען-בויגען
רייצט מיך אויף מיין וועג, —
ווי פאַרטרויערט און פאַרלאָזען
גייט מיין צייט אַוועק.

וויפיל לידער זינג איך דעמאָלט,
ווען די זון פאַרגייט,
ווען עס שטאַרבט אַ טאָג... מקנא
בין איך אַזאַ טויט.

## פארנאכט.

די זון איז אינגאנצען פארגאנגען
און דאך איז דער הימעל אלץ רויט.
עס רייצען מיך מאָדנע פארלאנגען:
כ'בין וויינען און לאכען איצט גרייט.

עס איז אזוי שטיל אויף די גאסען,
עס איז אזוי אומעטיג, שיין.
דאָ ווילט זיך מיט אלעמען שפאסען,
דאָ ווילט זיך מיר בלייבען אליין.

עס ראנגעלט זיך וואו אויף די פענסטער
דער לעצטער פארחלשטער פלאם...
דער גאָלדענער שטערען דער שענסטער
באווייזט זיך אין הימעלשען ים.

עס איז איצט, ווי נאך א מלחמה:
די נאכט האָט די שלאכט אָפגעקילט.
זיי רויג, זיי שטיל, מיין נשמה,
איך האָב נאָר מיין שטרייט נישט פארשפילט.

# נאכט

אויף טויזענט פידלען שפּילט די שטילקייט,
שפּילט נאָנט און ווייט אויף אַלע שטערען,
וואויל צו דעם, וואָס קאָן עס הערען
און דערגרייכען גאָט אין שטילקייט.

מידע ציען זיך וואו־ערגעץ מיינע פינגער,
ציען זיך אין דרימעלדיגען ווילען:
איך אליין זאָל נעמען שפּילען,
אָנרירען די נאַכט מיט מיינע מידע פינגער.

זי קוקט ארויס אַלץ פרייער, מיין נשמה,
פון איר באהעלטעניש ארויס געלאָסען.
אך, מיט דער שטילקייט וועט זיך היינט פאר׳קנס׳ען
מיין איינזאַמע נשמה.

ראקעטען גאָלדענע צעשפּילען זיך אין הימעל,
סאַמעט־שאָטענס קושען מיך און גלעטען,
איך וועל די שאָטענס אויף מיין שמחה היינט פארבעטען
און וועמען נאָך... נאָך עמיצען פון הימעל.

## נאַקטורן.

לבנה-זייד האָט איינגעהילט די חייטקייט פון די פעלדער,
פחד־שוואַרצער סאַמעט האָט באַדעקט די וועלדער.
שטיל... ווי ס׳וואָלט אויף דר׳ערד קיין טאָג נאָך נישט
געוועזן.
שטום... ווי ס׳וואָלט נישט לעבען מער אויף דר׳ערד
קיין וועזען׳
נאַכט, אַ נאַכט און שווייגען! וואָס איז מיר געבליבען!
ווייז מיר אָן אַ שטערען, וועלכען איך זאָל ליבען...
אונטערציֵנדער לויערען,
שאָטענס פיל אין שוואַרצען,
אַלע מיינע טרויערען
ספקות און באַדויערען
פלאַקערען אין האַרצען.

## נאָקטורן II.

לאַנגזאַם באַוועגט זיך דער שוואַרצער גיגאַנט,
שפּרייזט... זיינע טריט נישט צו הערן
שפּילט זיך און שווייגט... זיין פאַרבאָרגענע האַנט
שפּילט זיך אין באַל מיט די שטערן.
וועלדער און בערג זענען קליין געגען אים,
דאָס רוישען פון טייך איז זיין שטים.

ווינקט אַלץ מיט בליצען... צו וועמען? ווער ווייס?
רופט ער מלאכים, צי שדים?
פלעדערמייז פלינקע, צעשראָקען און בייז,
פליען פון פענסטערען בוידעם.
ווינטען באַוועגען פון קלויסטער דעם גלאָק —
שוויג! דאָס באַגראָבט מען דעם טאָג.

## נאקטורן III.

אין מיטען נאכט, אין סאמע חשך פון דער ערד
האט זיך א קוויטש א פייגעלשער דערהערט,
א לאנגער קוויטש...
קאלטער טויט און פוסטקייט פון דעם לעבען
האט זיך אין עכא לאנגזאם אפגעגעבען...

ווארעמקייט פון זון, פארביגקייט פון בלומען,
א שמעטערלינג, וואס שוועבט בייטאג אין פעלד,
א מענש, וואס זוכט און שטרעבט,
דער מענש און אלץ, וואס לעבט...

פארמשפט איז צום טויט די גאנצע וועלט.

## איך האָב דאָ נישט קיינעם.

איך ווייס, אַז איך האָב דאָ נישט קיינעם,
דאָך שרעקט מיך נישט מער דער געדאַנק.
אין אונטערשטעטן שטוב ביי די שכנים
איז ווידער היינט טאַנץ און געזאַנג.

כ׳וועל גיין, ביז איך וועל שוין נישט הערען
די קלאַנגען, וואָס הילכען דערביי.
כ׳וועל גיין אין דער נאַכט און באַקלערען
די וועגען, וואָס איך בין פאַרביי.

די יאָרען, די טייערסטע יאָרען,
מיין גלויבען, וואָס איך האָב פאַרלאָרען...
אַך, גוט איז און טריי איז די נאַכט.
זי רופט נישט צו קיינעם, צו קיינעם...
אין אונטערשטעטן שטוב ביי די שכנים
איז פריילעך... מען טאַנצט און מען לאַכט.

## די אייביגע שטילקייט.

די אייביגע שטילקייט וועט זיגען.
אויף אונזערע קברים וועט ליגען
א בערגעל פארטריקענטע בלעטער...
נישט טרויער! אביסעלע שפעטער.

נאר היינט בין איך לענגער געשטאנען
ביים טייכעל... געקוקט אויף די שוואנען.
זיי זענען געשוואומען, די שלאנקע,
פארשלעפערט אין זיסע געדאנקען.

פון ווינטעל געפעכערט פון קילען,
אין וואסער געשפיגעלט אין שטילען...
געווען איז מיר שווער זיך צעשיידען:
דאס בילד האט דערמאנט דעם גן-עדן...

אין גארטען איז שאטען געלעגען,
עס האט זיך געטויט אויף די שטעגען,
פון גרינס האבען רויז געוואונקען
רויט בלוטיגע בלומען, ווי פונקען.

דאס בילד וואלט איך וועלען אויף יארען
פארמויערן טיף אין זכרון
די שיינקייט... איך זאל זי באהאלטען
און ברענגען אין קבר אין קאלטען.

# באַנישע

## באַגינען.

נאָך איידער טאָג וועט נעמען
פייניגען מיט זאָרג,
וויל איך אַ רגע טרוימען
און זיין אַ שעה מיט גאָט.

עס גלאַנצען נאַסע בלעטער,
גראָז טרינקט זיך אָן מיט טוי.
די זעלבע בשמים־טראָפּנס
באַנעצען מיינע טריט.

גוט מאָרגען, בלייכער מאָרגען!
ביסט ווי דער אמת ריין
איך וויל דיין ערשטען אָטעם,
דיין ערשטען שטראַל פאַר זיך.

ווייל שפּעטער אין די שעה'ן
פון טומעל און געדראַנג,
וועל איך מיט שטייפע אָרעמס
אין לעבענס־גאַס אַרויס.

צי וועל איך דער גערעכטער
אין דער מלחמה זיין?
צי וועל איך דער פאַרשפּילטער
אין אלע קאַמפען זיין?

הושענה אַלדעם לעבען
און דער גאַנצער וועלט!
איך האָב נאָר פיינט די קאַרגשאַפט
און חניפה האָב איך פיינט.

אָט אין די ערשטע שטראַלען
פון זון־אויפגאַנג און טאָג
פאַרוועב איך מיינע ברכות,
מיין גרויסען דאַנק צו גאָט.

פאַר אַלע מיינע זאָרגען,
פאַר נאַרעריי פון פריינד,
פאַר ליידען און פאַר שטרייטען,
פאַר שוויגען מיט דער נאַכט.

קרייט פריילִיך, יונגע הענדלער,
קרייט אומעטיג און רופט:
עס גייען אַלע קלאַנגען
אין ווידערקלאַנג אַוועק.

איך ווייס נאָך נישט אויף ריכטיג
דעם וועג, וואָס פירט צו גאָט:
אוודאי דורך די גרעזלעך,
וואָס באָדען זיך אין טוי.

האָסט לעבען מיך געלערנט
און איך געדענק איין זאַך:
אין גיהנם זוכען בלומען,
און מונטערקייט אין צער.

און איצט ווען קיינער זעט נישט
אין עלענדען פאַרטאָג,
איצט קאָן איך רויג נעמען
די רייכקייט פון דער וועלט.

אַ בלעטעל פון אַ צווייגעל
אַראָפּרייסען מיט פרייד,
די אָדערלעך די דינע,
בעטראַכטען זיי גענוי.

צום טייך אַראָפּ זיך בייגען
און שפּיגלען אין זיין גלאַנץ
די בלייכקייט פון באַגינען
אין מיינע אויגען זען.

אַ הויפען וואַסער-לעבען
טיף אָנשעפּען פון טייך
און אָפּוואַשען פון פּנים
אַן אויסגעהויכטע טרער.

א קשאַק האָב איך אָן ווילן
אַ ריר געטאָן ביים וועג.
צוויי שמעטערלינגען ווייסע
פון דרימעל אויפגעוועקט.

האָט זייער ערשטער פלאַטער
מיך באַלד אָן גאָט דערמאַנט...
צוויי שמעטערלינגען ווייסע,
ווי צוויי נשמות ווייס.

עס שפרייטען זיך שוין שטראַלען
אויף מיין בעטויטען וועג.
עס וועט באַלד ווערען ליכטיג
און פרייד וועט זיין מיט מיר.

נאָר אויב מיר איז אַפילו
דער שאָטען בלויז באַשערט,
וועל איך אין שאָטען וועבען
פאַר זיך אליין מיין ליד.

און אויב דער לץ וועט ווידער
פאַרצוימען מיר דעם וועג,
וועל איך מיין שטאָלץ געדענקען,
און לץ... וועט בלייבען לץ.

אַ סטאַדע שאַרע שעפּסען
באַווייזט זיך שוין אין פעלד.
אַ פּאַסטוך מיט אַ כּלב,
וואָס לויפט און און שמעקט די ערד.

דער גלאָקען־ציער ציט שוין
די גלאָקען דאָ און דאָרט.
די דערפלעך און די שטעטלעך
״ וועקען זיך שוין אויף.

און איצט ווען טיר און פענסטער
מאַכט. אויף זיך אומעטום,
פאַרשליס איך און פאַרזיגעל
מיין שטילען סוד אין זיך.

איך האָב געזען דעם אויפגאַנג
אין פייער־גאָלד געברענט,
דער צאָפּגלאַנץ איז געפאַלען
ווי זאַלב אויף מיין פאַרלאַנג.

עס האָט מיט מיר די ווייטקייט
געשלאָסען איין פאַרבאַנד.
איך האָב היינט אין באַגינען
בלויז אויסגעקוקט דעם וועג.

# אינהאלט:


| | זייט |
|---|---|
| וויט איז די גרענעץ | 5 |
| שטילער אוונט | 6 |
| נאכט נאך רעגען | 7 |
| א מיליאן מענשען | 8 |
| ווער פון אייך? | 9 |
| אין פעלד | 10 |
| וואס טיפער | 12 |
| אין אונזער טעמפעל | 13 |
| איך נישטיגער שטויביגער | 14 |
| כ'האב געזעהן | 15 |
| אונטער די וועלדער | 16 |
| נאכט אן נאכט | 17 |
| ליגט נישט קיין שטיינער | 18 |
| דער זייגער | 19 |
| ביים קלויסטער | 20 |
| צפון-נאכט | 21 |
| פון קינדוויין | 22 |
| דער פאעט | 23 |
| דאס וואס בלייבט | 25 |
| גרינער גאט | 29 |
| אין צוג | 31 |
| אין היי | 32 |
| עמיצס | 33 |
| אין גארטען | 34 |
| ווען א מיידעל באדט זיך | 35 |
| אין וואלד | 36 |
| קלעצער | 37 |
| פרימארגען | 38 |
| אויף די קליינע שטעדטלעך | 39 |
| צוריק | 40 |
| שטילקייט | 45 |
| לבנה-ליד | 47 |
| לעצטער קלאנג | 48 |
| אויף גאסען | 49 |
| אין קארען | 50 |
| בליי | 51 |
| ביים פענסטער | 52 |

| | זייט |
|---|---|
| וואסער | 55 |
| פאלמעס | 60 |
| יעדען אוונט | 61 |
| אין דיינע טעג | 62 |
| פרייד און פארב | 63 |
| ס'קריגעלע | 64 |
| צעטראטענע קארען | 65 |
| פרעמדע שולמית | 66 |
| פארנאכט | 67 |
| בארוועסע פרינצעסען | 68 |
| דיינע שטיפערישע קרענץ | 69 |
| זון | 73 |
| א שטורעם | 75 |
| אין א שטורעם-נאכט | 85 |
| ביים ים | 86 |
| דער ווייסער זעגעל | 88 |
| שלעפעריש וויגט זיך דער ים | 89 |
| קיפאריסען | 91 |
| ים-שטיינדלעך | 92 |
| אי-פעטרי | 94 |
| קרימער-נאכט | 95 |
| אונטער דער זון | 96 |
| כ'גיי צו דיר | 97 |
| מאגנאליעס | 98 |
| מימאזען | 99 |
| א וואלקען | 100 |
| זון שרייבט | 101 |
| פרוי און אדלער | 102 |
| דריי יאר | 104 |
| פלינקער פישער | 105 |
| צום ים | 106 |
| דא און דארט | 108 |
| פאליעס | 109 |
| וואס איז א ליד? | 113 |
| מיין ניגון | 114 |
| איך און אלע... | 115 |
| אויף אונזערע ביינער | 116 |

| | זייט |
|---|---|
| צו גאָט | 117 |
| מיין יניקה | 118 |
| מיין ווידער=קומען | 119 |
| דער וואַלד-שפּיץ זילבערט | 120 |
| ביים פאָנטאַן | 123 |
| ערגעץ=וואו | 124 |
| לערן זיך שווייגען | 125 |
| אַ שטימונג | 126 |
| אַ באַלאַדע | 127 |
| באַהעמע-ליד | 128 |
| נשמה'לע | 130 |
| מידקייט | 131 |
| קאָרטען | 132 |
| מיין טויט | 133 |
| ביי אונז אין שטוב | 134 |
| „זשיד" | 135 |
| דער האַס | 136 |
| וואָס וועט בלייבען? | 138 |
| באַגראָבענע יאָרען | 139 |
| דער פאַנטאַזיאָר | 140 |
| אין קאַפע | 142 |
| קאָנטראַסטען | 143 |
| מיין תּפילה | 145 |
| מאַשינען | 149 |
| מען בויט אַ הויז | 154 |
| אַמאָליגע וועבערס | 155 |
| שניי | 159 |
| אין וואַלד | 161 |
| אויף די פעלדער | 163 |
| אַ בוימעלע | 164 |
| מיר פאָרען | 165 |
| ווייסע לעגענדע | 167 |
| ווייסקייט | 168 |
| פערש=עטיגטער פרילינג | 172 |
| שוואַנען | 174 |
| דער אַלטער דעמב | 175 |
| פליי[illegible] | 176 |
| [illegible]ליע | 177 |
| די גלאָקען | 178 |
| אויף „אַרבאַט" | 179 |
| יעדען טאָג | 180 |
| שוואַרצע טרומנעס | 181 |
| אין יענע טעג | 182 |
| עס שלאָפט די קאָמונע | 183 |
| אין דער קאָמונע | 184 |
| צעשמעטערטער שפּיגעל | 186 |
| ציגיינער | 187 |
| אין מאַלאָראָסיע | 188 |
| ביי דער ווייסעל | 190 |
| ביים ניעמאַן | 191 |
| גרויע שינעלען | 192 |
| קיין וואָלאָגדע | 194 |
| די שטיפעריין | 197 |
| פערעל | 198 |
| צו דער קליינער | 201 |
| די שטייסט פאַר מיר | 202 |
| יודישע סערענאַדע | 203 |
| פוילישע מיידעל | 204 |
| גע'חלומ'ט | 205 |
| כ'האָב געבענקט | 206 |
| ווי גרינע אַרבעסלעך | 207 |
| דיין נאָמען | 208 |
| אין שפּאַציר | 210 |
| עפּענסט מיט מורא | 211 |
| עכאָ | 212 |
| נעכטען אָוונט | 213 |
| ווילסט בלומען | 214 |
| איך געדיינק אַ נאַכט | 215 |
| אַ קעפּעל | 216 |
| אין דער פינסטער | 219 |
| ווי פיל פאַרבען | 220 |
| פאַרנאַכט | 221 |
| נאַכט | 222 |
| נאַקטורן | 223 |
| איך האָב דאָ נישט קיינעם | 226 |
| די אייביגע שטילקייט | 227 |
| באַגינען | 231 |


[library stamp]

פערלאַג

„ליטעראַטור-פאָנד”

ביים פעראיין פון יודישע ליטעראַטען און זשורנאַליסטען אין ווארשא.

ס'איז ערשינען:

# טירען-פענסטער

נאָוועלען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי.

פראַכט-אויסגאַבע.

15½ דרוק-בויגען פרייז 900 מ.

אין גיכען ערשיינט:

אַ באַנד **נאָוועלען** פון שלמה גילבערט.

Z. SEGAŁOWICZ.

# Kaprysy

Nakładem „Funduszu Literackiego“ przy Związku Literatów i Dziennikarzy Żydowskich w Warszawie (Tłomackie 13).

19 21

Składano
u B-ci Wójcikiewicz, Warszawa
Kramy Nalewkowskie.

Tłoczono w Drukarni Kupersztocha i Kramarza
Warszawa, Nowolipki 22.